אינוו. 802

# דער „בונד” אין דער רעוואָלוציע

— פון —

# 1905 — 1906

לויט די מאַטעריאַלן פון בונדישן אַרכיוו

פאַרלאַג „די וועלט”, וואַרשע 1930

„Bund“ w rewolucji 1905 — 1906

Wydawnictwo „Di „Welt“, Warszawa

Druk. „Di Welt“, Nowolipie 7.

# פון פאַרלאַג

דאָס הייִנטיקע בוך איז דאָס ערשטע פון א גאַנצער סעריע ביכער, וועלכע וועלן דערשיינען פון צייט צו צייט און וועלן זיין צוזאַמענגעשטעלט לויט די מאַטעריאַלן פון דעם בונדישן אַרכיוו.

פון דעם ים מאַטעריאַלן, וואָס געפינען זיך אין אַרכיוו און וואָס האָבן א שייכות צו דער געשיכטע פון דער יידישער אַרבעטער־באַוועגונג, צו דער געשיכטע פון „בונד", האָבן מיר דאָס מאָל א מאַטעריאַל, וועלכער נעמט אַרום די שטורם־יאָרן פון דער ערשטער רעוואָלוציע אין דער צאַרישער מדינה.

מיט א פאַרכאַפּטן אָטעם לייענען זיך נאָך איצט די שילדערונגען פון די העלדישע קאַמפן פון דעם יידישן פראָלעטאַריאַט אונטער די פענער פון זיין פאַרטיי, פון „בונד", אין יענע יאָרן. מאַסן אַרויסטרעטונגען, פאָליטישע דעמאָנסטראַציעס, עקאָנאָמישע שטרייקן, לאָקאוטן, פאָגראָמען, זעלבסטשוץ, — אַלץ אין ליכט פון פאַקטן, פון דאָקומענטן, און דערפאַר נאָך שפאַנענדיקער און נאָך איבערצייגנדיקער.

דאָס בוך גיט אויך א רייך בילד פונם אינערלעכן געבוי פון „אַלגעמיינעם יידישן אַרבעטער־בונד אין ליטע, פוילן און רוסלאַנד", פון זיינע באַציונגען צו דער אַלגעמיינער „רוס. סאָצ. דעמ. אַרב.־פאַרטיי", ווי אויך צו אַנדערע סאָציאַליסטישע פאַרטייען.

דער יינגער דור „בונדיסטן" וועט לייענען און לערנען פון דעם בוך. מיט אינטערעס וועט עס לייענען יעדער איינער, וועמען עס אינטערעסירט זיך נאָר מיט דער יידישער אַרבעטער־באַוועגונג און מיט איר געשיכטע.

# I. פּאָליטישער קאַמף

## 1. האַרבסט 1904

ביאַליסטאָקער הריגה. — מאָביליזאַציע און פּאָגראָמען. — די ליבעראַל-קאָנסטיטוציאָנעלע באַוועגונג.

האַרבסט 1904 איז געווען זייער אַ שטורעמדיקע צייט, באַקאַנט אונטערן נאָמען „פּרילינג" אָדער „עפּאָכע פון צוטרוי". די רוסישע אַרמיי אויפן ווייטן מזרח האָט געליטן איין מפּלה נאָך דער אַנדערער, און די טיילווייזע מאָביליזאַציעס, וועלכע האָבן רואינירט צענדליקער און הונדערטער טויזנטער פאַמיליעס, האָבן נישט אויפגעהערט: דער עקאָנאָמישער קריזיס האָט זיך געלאָזט פילן אַלץ שמאַרקער און שטאַרקער. אַ פאַרשטיקטע רעוואָלוציאָנערע אויפרודערונג האָט זיך געשטאַרקט אין גאַנצן לאַנד און האָט אַרומגעכאַפּט אַלע קלאַסן באַפעלקערונג. דער „ליבעראַלער" סוויאַטאָפּאָלק־מירסקי, וועלכער האָט פאַרנומען פלעווס אָרט, האָט אָנגעהויבן רעדן וועגן „צוטרוי צו דער געזעלשאַפט", וועגן דער נויטיקייט פון רעפאָרמען. ווי איר מנהג איז פון תמיד אָן, האָט די רוסישע זעלבסטהערשונג גענומען שפּייזן די אויבערשטע שיכטן פון דער געזעלשאַפט מיט הבטחות, כדי צו קענען מיט נאָך מער אכזריות דערשטיקן דעם מינדעסטן פּראָטעסט פון פון־אונטן. אויף דער באַנקעט־באַוועגונג, וואָס האָט זיך דאַן אָנגעהויבן, קוקט די רעגירונג דורך די פינגער; די פּעריאָדישע פּרעסע באַקומט אייניקע צענזור־פאַרלייכטערונגען. אָבער אין דער זעלבער צייט ווערן אַרבעטער־פאַרזאַמלונגען צעטריבן דורך באַוואָפנטער קראַפט; מען שיסט אין אומבאַוואָפנטן אַרבעטער־המון אַפילו אָן שום התראה. די שטרייק־באַוועגונג שטאַרקט זיך אין

גאנצן לאנד, און נעמט אָן — באזונדער אין מערב־קאנט — אַן עפּידעמישן כאַראַקטער; די אויסגעשרייען „נידער מיט דער מלחמה", „נידער מיט דער זעלבסטהערשונג" הערן זיך אַלץ אָפטער און הילכיקער אויף אַרבעטער־פאַרזאַמלונגען, אויף דעמאָנסטראַציעס און מאַניפעסטאַציעס, און גלייכצייטיק מערן זיך אומגעהייער מאַסן־רעוויזיעס, אַרעסטן, הריגות אין די פּאָליציי־צירקלען, אין די טורמעס, אין די פּאַרשיק־ערטער.

אַ גרויזאַמע הריגה פון אַן אומבאוואָפנטן אַרבעטער־המון, אונטערן צודעק פון נאַכט־פינסטערניש, איז פּאָרגעקומען סאַמע אָנהויב האַרבסט אין ביאַליסטאָק. אָוונט־צייט, דעם 12 (25) סעפּטעמבער 1904, האָט זיך אַ מחנה יידישע אַרבעטער און אַרבעטערינס פון אַ מאַן 300 אומגעקערט פון אַ פאַרזאַמלונג הינטערן שטאָט. ביים עק וואַלד איז פּאָליציי אָנגעפאַלן און אָן אַ שום התראה געגעבן אַ סאַלווע איבערן המון, דערנאָך האָט זי געלאָזן אין גאַנג די באַגנעטן, און אויף די אַנטלויפנדיקע געשאָסן אַ שיסעריי. שווער־ און לייכט־פאַרוואונדעטע איז געווען ביז אַ 30 מאַן; ביי אַ סך פון זיי זענען די קוילן געווען אין רוקן; מער פאַר אַלע האָבן געליטן פרויען.

אין צוזאַמענהאַנג דערמיט האָט דער צ. ק. פון „בונד" זיך געווענדעט צו די אָרגאַניזאַציעס מיט אַ צירקולאַר־בריוו, ווו ער האָט פאָרגעלייגט ענערגיש פּראָטעסטירן קעגן דער הריגה, — איינאָרדנען דעמאָנסטראַציעס, שטרייקן, פּראָטעסט־פאַרזאַמלונגען, אַרויסטראָגן דערביי אַנטשפּרעכנדיקע רעזאָלוציעס און אַרויסגעבן בלעטלעך, וועלכע זאָלן אויפקלערן די סיבות פון דער אַרויסטרעטונג.

אונזערע אָרטיקע אָרגאַניזאַציעס האָבן זיך ענערגיש אָפּגערופן אויפן אַפּעל פון צ. ק. לויט אונזערע ידיעות — נאַטירלעך, נישט קיין פולע *) — איז אין משך פון 2 ביז 3 וואָכן פאָרגעקומען אַ רייע מאַניפעסטאַציעס, שטרייקן און פאַרזאַמלונגען אין עטלעכע צענדליק שטעט און שטעטלעך, אויפן גאַנצן שטח פון

*) זע „לעצטע נאַכריכטן" נומ. 197 — 202.

מערב־קאנט צווישן ריגע און אָדעס. די צאָל אַנטיילנעמער אין יעדער ארויסט־ייִטונג האָט זיך געוואקלט צווישן 70 און 2000. אין איינציקע ייִ־טער זענען דערביי פאָרגעקומען צוזאמענשטויסן און אין איין פּאַל (באָברויסק) איז אפילו דערגאַנגען צו אַן ערנ־סטער קעגנזייטיקער שיסעריי מיט דער פּאָליציי.

פאר יענער צייט — נאָך פאר די יאנואר־ און אָקטאָבער־טעג פון 1905 — אין דער אָנגעשטרענגטער אטמאָספער פון קריגס־צייט, איז אָט די באוועגונג, וועלכע האָט ארומגעכאַפּט אַלע מער אָדער ווייניקער גרויסע פונקטן פונם מערב־קאַנט, געווען אַ גאַנץ אימפּאָזאַנטע. אין די הונדערטער און טויזנטער בלעטלעך, וואָס אונזערע אָרטיקע אָרגאַניזאַציעס האָבן פארשפרייט, אין די רע־זאָלוציעס און אין די אויסגעשרייען בעת די מאַניפעסטאַציעס, האָבן די ייִדישע ארבעטער פּראָטעסטירט נישט נאָר קעגן דער הריגה אין ביאַליסטאָק, נאָר קעגן דער גאַנצער צאַרישער אָרדנונג, קעגן דער מלחמה און דער מאָביליזאַציע. דער פּראָטעסט קעגן גע־געבענעם קאָנקרעטן פּאַל האָט אזוי ארום באַקומען אַ בולט אויסגע־שפּראָכענעם אַלגעמיין־פּאָליטישן כאַראַקטער.

אין גיכן האָט זיך אָנגעהויבן אַ מאָביליזאַציע אין דרום־מערבדיקן און אין צפון־מערבדיקן קאַנט. די שטעט זענען פול גע־וואָרן מיט טויזנטערדיקע המונים הונגעריקע און פארביטערטע מאָ־ביליזירטע פּויערים, און זיי האָט באַגלייט דאָס קרעכצן און וויי־נען פון טאַטעס און מאַמעס, פון ווייב און קינד, פאַראורטיילטע אויף הונגער און דלות. די אומצופרידנקייט פון די רעזערוויסטן האָט דאָ און דאָרט געפונען איר אויסדרוק אין געוואַלדיקע פּטי־כישע אויסברוכן. מען האָט פאַגראָמירט די אייזנבאַן־סטאַציעס און קודם כל די קאַזיאָנע (מלוכהשע) בראָנפן־געוועלבער. גאַנץ אָפט איז די מאַכט לחלוטין נישט געווען בכוח צו פירן דעם קאַמף מיט די צעבושעוועטע רעזערוויסטן. לויט אַ ווינק פון אייבן, הויבן אָן פּאָליציי און רעגירונגס־אַגענטן צו פירן צווישן די מאָבי־ליזירטע אַ שטאַרקע אַנטיסעמיטישע אַגיטאַציע, ארויסשטעלנדיק די ייִדן אַלס שונאים פון צאַר און פאָטערלאַנד אַלס שולדיקע

אין די מפלות פון דער צאַרישער אַרמיי און בכלל אין אַלע צרות, וואָס שיטן זיך אויף רוסלאַנד. אַ פּאָגראָם־פּאַניק באַפּאַט אַרום דעם גאַנצן יידישן „תּחום". ווייטער („פּאָגראָמען און זעלבסטשוץ") וועלן מיר זען, ווי אין מאָהילעוו, למשל, ווו ס'איז פאָרגעקומען איינע פון די ערשטע דעמאָנסטראַציעס צוליב דער ביאַליסטאָקער הריגה — ריערט דער פּאָליצמייסטער אייִן די מאָבילימירטע, זיי זאָלן שלאָגן די „דעמאָקראַטן", ס'הייסט — גיט ער צו פאַרשטיין — די „יונגע יידן".

אין אַן אויפרוף „פּאָגראָמען און מאָביליזאַציע" רופט דער צ. ק. אונזערע אָרטיקע אָרגאַניזאַציעס, מען זאָל פריער פאַר אַלץ פּרובירן ווירקן נ ימען רעוואָלוציאָנערן וואָרט אין די פינסטערע, דורך דער פּאָליציי פאַרפירטע רעזערוויסטן, און נאָר אין עקסטן פאַל זאָל מען איבערגיין צו אַ באַוואָפנטן ווידערשטאַנד. אין גאַנצן בונדישן ראַיאָן האָט זיך געפירט זייער אַן אינטענסיווע אַגיטאַציע אין צוזאַמענהאַנג מיט דער מאָביליזאַציע, מיט דער מלחמה און מיט דער רעגירונגס־פּאָליטיק בכלל; בלעטלעך אויף די אַלע טעמעס האָט מען פאַרשפּרייט זייער אַ גרויסע צאָל צווישן די רעזערוויסטן און פּויערים; עס האָבן זיך אויך אָרגאַניזירט זעלבסטשוץ־אָטריאַדן, און ווו נישט ווו איז זיי אויסגעקומען אַרויסצוטרעטן.

די מאָביליזאַציע און דער פּאָגראָם־קאָשמאַר, וואָס זי האָט אַרויסגערופן, זיינען געווען צום טייל די סיבה דערפון, וואָס די ליבעראַל־קאָנסטיטוציאָנעלע באַוועגונג האָט זיך אין מערב־קאַנט אָנגעהויבן אַביסל שפּעטער, ווי אין צענטראַל־רוסלאַנד, מיט פּעטערבורג און מאָסקווע אין דער שפּיץ. אַ צווייטע סיבה פון אָט דער אָפּגעשטאַנענקייט איז געווען דאָס, וואָס לענגאַלע אָרגאַנען פאַר דער געזעלשאַפטלעכער מיינונג — די זעמסקע (דאָרפישע) און שטאָטישע זעלבסטפאַרוואַלטונגען, וועלכע זיינען געווען דער הויפּט־אָרגאַן פון דער ליבעראַלער אַגיטאַציע — האָבן זיך אויפגעהיט, הגם אויך איז אַ פאַרקריפּלטער פאָרם, נאָר אין די צענטראַלע און אין די צפונדיקע גובערניעס. אין די ראַנד־געביטן

האט אדמיניסטראטיווער ווילקיר און קליינלעכסטע אדמיניסטראטיווע רעגלאמענטאציע און אפוטרופסות פון לאנג געשטיקט יעטווידע געזעלשאפטלעכע זעלבסט־טעטיקייט.

אין ראיאן פון „בונדס" טעטיקייט הויבט זיך די ליבעראל־קאנסטיטוציאנעלע באוועגונג אן ערשט אין דעצעמבער. נאכן ערשטן זעמסקע צוזאמענפאר (סוף נאוועמבער 1904), וועלכן די רעגירונג האט נישט דערלויבט און וועלכער איז דאך פארגעקומען, אין פעטערבורג.

נאך פאר זיי, אפפארן פון ווילנע (ווו ער איז געווען גענעראל־גובערנאטאר) קיין פעטערבורג אויפן נייעם פאסטן, האט סוויאטאפאלק־מירסקי אויפגענומען א יידישע דעפוטאציע און געבעטן איבערגעבן די יידן, אז זיי זאלן זיך באציען מיט צוטרוי צו דער רעגירונג; אז ער, סוויאטאפאלק־מירסקי, וועט האבן דעם כבוד צו שטיין ביים סאמע „קוואל פון גערעכטיקייט" ער האט אבער נישט פארגעסן גלייך אויפן ארט צוגעבן, אז אינגאנצן אויסגלייכן די יידן אין זייערע רעכט מיט דער איבעריקער באפעלקערונג האלט ער פאר אוממעגלעך און אפילו פאר שעדלעך. פיינדעסטוועגן האבן אט די „גוטהארציקע" ווערטער ארויסגערופן אן אויפלעבונג צווישן דער יידישער ליבעראלער בורזשואזיע.

אין א ריי ארטיקלען אין „ארבעטער שטימע" און „דער בונד" *) און אין א רייע אויפרופן, געווידמעטע דער ליבעראלער באוועגונג („צארישע חסידים", „וואס מיר טארן נישט פארגעסן", „מיר און זיי" און פיל אנדערע), קריטיקירט דער צ. ק. זייער שארף די התפעלות פון די ליבעראלן בכלל און פון די יידישע ליבעראלן בפרט. ער דעקט אויף דעם אמתן מקור פון די ליבעראלע רעדעס און פון די רעגירונגס־רעדעס, וועלכע האבן ביידע פאר א ציל מיט פוסטע הבטחות צו בארויקן די אויפגערודערטע

---

*) די „ארבעטער־שטימע" און „דער בונד", אויסגאבן פון אונזער צ. ק. אויף יידיש, פלעגן דערשיינען ווי נישט־פעריאדישע זשורנאלן, אין די געהיימע דרוקעריעס פון בונד אין רוסלאנד, ביז נאוועמבער 1905.

דורך דער מלחמה מוחות, כדי דערווייל געווינען צייט און פארפעסטיקן זייערע צעטרייסלטע פאזיציעס. אונזער פארטיי זאגט זיך נישט אפ אונטערצוהאלטן יעדע רעוואלוציאנערע און אפאזיציאנעלע ריכטונג, נאר ביי דעם אומבאדינגטן תנאי, אז דער פראלעטאריאט זאל איינהיטן זיין זעלבשטענדיקייט און די ליבעראלן זאלן אנערקענען איינציקע מינימאלע פאדערונגען פון דער סאציאל־דעמאקראטיע. פאר אזעלכע פאדערונגען האבן זיך דעמאלט גערעכנט: פרייהייט פון שטרייקן, 8 שעה־קער ארבעטסטאג און צונויפרופן א גרינדונגס־פארזאמלונג אויפן יסוד פון דער פיר־גלידערדיקער פארמול *).

ארום דעצעמבער 1904 באקומט די באוועגונג אין לאנד אלץ א גרעסערן פארנעם, און גלייכצייטיק ווערט שוואכער די פאגראם־פאניק אין די ראנד־געביטן. אין ראיאן פון אונזער פארטיי הויבט זיך אן זייער א לעבהאפטע קאמפאניע אין צוזאמענהאנג מיטן נייעם רעגירונגס־קורס און מיט דער ליבעראל־קאנסטיטוציאנעלער באוועגונג. די אגיטאציע פירט זיך אי שריפטלעך — דורך בלעטלעך — אי מינדלעך, דורך א קאלאסאלער צאל פארזאמלונגען אין אלע שטעט פון אונזער ראיאן. און די פארזאמלונגען זענען צומאל זייער צאלרייכע פאר יענע צייטן (צו 500 און צו 1000 מענטשן). א סך פון די פארזאמלונגען זענען פארגעקומען האלב־אפן, דערהויפט אין די בתי־מדרשים, געשיצט פון דרויסן און פון אינעווייניק דורך די קאמף־אטריאדן פון אונזערע ארגאניזאציעס**). אין די רעזאלוציעס, וואס די פארזאמלונגען פלעגן אננעמען, האט מען, להיפך צו די ברעקל־פאדערונגען פון די ליבעראלן, קלאר פארמולירט פאדערונגען צו פארענדיקן די מלחמה, צונויפרופן די גרינדונגס־פארזאמלונג, געבן פרייהייט פון שטרייקן, פון פארזאמלונגען, פון ווארט א. א. וו. אונזערע רעפערענטן און אגיטאטארן פלעגן אויך ארויסטרעטן אויף די ליבעראלע באנקעטן,

*) זע „דער בונד" נומ. 5 און „ארבעטער-שטימע" נומ 38, ווי אויך די פריער דערמאנטע אויפרופן פון צ. ק.

**) זע „לעצטע נאכריכטן" נומ. 205 — 213.

אויף סטודענטישע פאַרזאַמלונגען, אין די שטאָט־דומעס, און נישט זעלטן פלעגן סאָציאַל־דעמאָקראַטישע רעזאָלוציעס אָנגענומען ווערן אונטער איינשטימיקע אַפּלאָדיסמענטן.

די אינטענסיווע פּאָליטישע אַגיטאַציע און דער קאַמף, וועלכן אונזערע אָרגאַניזאַציעס האָבן געפירט אין משך פון האַרבסט 1904, האָבן פּיל־זאָם צוגעגרייט דעם באָדן פאַר יענער ברייטער רעוואָלוציאָנערער באַוועגונג, וועלכע האָט זיך אָנגעהויבן אין גאַנצן בונדישן ראַיאָן באַלד נאָך די געשעענישן פון די יאַנואַר־טעג אין פּעטערבורג.

## 2. ווינטער און פרילינג 1905.

די באַוועגונג צוליב די יאַנואַר-געשעעניש — VI קאָנפערענץ פון „בונד" און I קאָנפערענץ פון די ס"ד אָרגאַניזאַציעס פון רוסלאַנד — אַלץ וואַקסנדיקע רעוואָלוציאָנערע באַוועגונג פון יידישן פּראָלעטאַריאַט — בלוטיקער צוזאַמענשטויס אין וואַרשע.

ווי נאָר עס זענען אָנגעקומען די ערשטע ידיעות וועגן די געשעעניש פון 9 (22) יאַנואַר 1905 אין פּעטערבורג, האָט דער צ. ק. אַרויסגעגעבן און פאַנאַנדערגעשיקט צו די אָרגאַניזאַציעס אַן אויפרוף „צום קאַמף", געדרוקט אַרום 200 טויזנט עקזעמפּלאַרן, אויף יידיש, פּויליש און רוסיש. דער אויפרוף האָט איינגעפאָדערט די אָרטיקע אָרגאַניזאַציעס צו אונטערהאַלטן די אויפגעשטאַנענע פּעטערבורגער אַרבעטער דורך אַלגעמיינע שטרייקן און דורך גאַס-דעמאָנסטראַציעס — ווי ווייט מעגלעך באַוואָפנטע. די הויפּט-פאָדערונגען, וועלכע דער פּראָלעטאַריאַט זאָל אומעטום אַרויסשטעלן און פאַרטיידיקן, זענען געווען פאָרמולירט אין 8 פּונקטן: צונויפרופן די גרינדונגס-פאַרזאַמלונג, פאַרבייטן די מאָנאַרכיע מיט אַ דעמאָקראַטישער רעפּובליק, איינפירן דעם 8 שעהדיקן אַרבעטס-טאָג, דאַן אומבאַרירלעכקייט פון פּערזאָן און די איבעריקע פרייהייטן, גלייכע בירגערלעכע און פּאָליטישע רעכט פאַר אַלע נאַציעס, אַמנעסטיע, און — אויפהערן די מלחמה. ספּעציעלע אַגענטן פון צ. ק. האָבן אין משך פון 2—3 טעג באַזוכט די הויפּט-פונקטן אין ראַיאָן פון אונזער פּאַרטיי-טעטיקייט און פּערזענלעך איבערגעגעבן דעם רוף פון צ. ק. צו שטיצן דעם פּעטערבורגער פּראָלעטאַריאַט.

אַ רייע מיט יאָרן האָט דער יידישער פּראָלעטאַריאַט פון מערב-קאַנט בכלל זיך געפילט איינזאַם אין זיין פאַרצווייפלטן

קאַמף מיט דער זעלבסטהערשונג: די איינצלנע אויסברוכן פֿון די אַרבעטער אין צענטראַל־רוסלאַנד — אמת, צומאָל גאַנץ גראַנדיעזע — האָבן זיך נאָך אַלץ נישט צענויפֿגעגאָסן אין איין פֿלאַמעסיקן אַרויסטריט מיט קלאָר פֿאָרמולירטע פּאָליטישע לאָזונגען. די צאָל קרבנות אין מערב־קאַנט איז כסדר געוואַקסן, און אין רעזולטאַט נאָך אַלעמאָל נייע און אַלץ גרויזאַמערע רעפּרעסיעס. און דערפֿאַר האָט די ידיעה וועגן אויפֿשטאַנד פֿון די פּעטערבורגער אַרבעטער, וועגן די ערשטע באַריקאַדעס אויף די גאַסן פֿון דער קרוין־שטאָט, געווירקט ווי אַן עלעקטרישער שטראָם, און באַלד איז דער גאַנצער מערב־קאַנט געשטאַנען אין רעוואָלוציאָנערע פֿלאַמען. די באַוועגונג האָט דאָ געטראָגן אַ בולט־אויסגעדריקטן סאָציאַליסטישן כאַראַקטער; זי האָט זיך געפֿונען אונטער דער אָנפֿירונג פֿון רעוואָלוציאָנערע, ס'רוב סאָציאַל־דעמאָקראַטישע אָרגאַניזאַציעס, וועלכע זענען צו יענער צייט שוין געווען פֿעסט פֿאַרבונדן מיט ברייטע פּראָלעטאַרישע מאַסן. אין ראַיאָן פֿון „בונד" האָבן אונזערע אָרטיקע אָרגאַניזאַציעס געשפּילט די הויפּט־ראָל, די אָנפֿירנדיקע ראָל אין דער יאַנואַר־באַוועגונג.

וועגן דעם, ווי דער יידישער פּראָלעטאַריאַט האָט רעאַגירט אויף די געשעענישן פֿון 9-22 יאַנואַר, האָבן מיר ידיעות פֿון אַריבער 40 שטעט און שטעטלעך פֿון אונזער ראַיאָן. *) אַחוץ די אויפֿרופֿן פֿון צ. ק. האָבן אונזערע אָרטיקע אָרגאַניזאַציעס נאָך פֿאַרשפּרייט אין קאָלאָסאַלע צאָלן זייערע אייגענע בלעטלעך („צו די אַרבעטער", „צו דער געזעלשאַפֿט", „צו די פּויערים") און ביולעטינען, וווּ עס ווערן באַשריבן די געשעענישן אין פּעטערבורג און אין אַנדערע שטעט און עס ווערט גערופֿן צו שטיצן די פֿאָדערונגען פֿון די אַרבעטער. איידער מען האָט דערקלערט אַ שטרייק, האָט מען אין משך פֿון אַ 2—3 טעג איינגעאָרדנט זייער פֿיל צוגרייטונגס־פֿאַרזאַמלונגען. אונזערע אַגיטאַטאָרן זענען אַרויסגעטרעטן אויף די פֿאַבריקן און זאַוואָדן, אין די ווערקשטאַטן, אין

*) זע „לעצטע נאַכריכטן" נומ. 211 — 224 און בײַלאַגע צו „אַרבעטער־שטימע" נומ. 39.

די בתי מדרשים און פשוט אין די גאסן און אומעטום געווען צ.ם
קאמף מיט דער זעלבסטהערשונג און דערביי פארמולירט די
גרונט־פאדערונגען פון דער סאציאל־דעמאקראטיע. אין א סך
שטעט (ווילנע, מאהילעוו, וויטעבסק, זשיטאמיר און אנד.) האבן
אונזערע קאמיטעטן געשלאסן אפמאכן מיט די ארגאניזאציעס פון
דער רוסל. ס"ד פארטיי, כדי צו קאארדינירן זייערע ארויסטרע־
טונגען. ווען ס'איז פראקלאמירט געווארן א שטרייק זענען אט־
ריאדן אונזערע ארבעטער געגאנגען איבער די פאבריקן און ווארק־
שטאטן און „ארויסגענומען" די אפגעשטאנענע אדער פארעקשנטע
חברים — נישט נאר יידן, נאר אין פיל פאלן אויך קריסטן. אין
ס'רוב פאלן האט מען די שטרייקן דערקלערט אויף 3 טאג, אבער
אין אייניקע ערטער האבן זיי זיך פארצויגן אויף א וואך און מער.
דאס האנדלס־אינדוסטריעלע לעבן, די באוועגונג פון די פורמאנעס
און טראמוויען — פלעגן ווערן אינגאנצן אפגעשטעלט; די סטא־
ציעס פון גאז און עלעקטריע האבן נישט געארבעט; בענק, ביוראס,
מאגאזינען און געוועלבער האבן זיך פארמאכט און געעפנט לויט
באשלוסן פון אונזערע קאמיטעטן, וואס זייער אויטאריטעט איז
אין יענע היסטארישע טעג געוואלדיק אויסגעוואקסן. צווישן דער
באפעלקערונג פון די אונטערדריקטע ראנד־געביטן זענען די אר־
בעטער און זייער קאמף געווען ארומגערינגלט מיט אן אטמאספער־
פון מיטגעפיל, מיט פארבארגענער אדער אפילו אפענער סימפא־
טיע. מצד די ראדיקאלע און ליבעראלע עלעמענטן פון דער געזעל־
שאפט האט די באוועגונג באקומען מאראלישע און מאטעריעלע
אונטערשטיצונג. זיי האבן גענומען אנטייל אין די שטרייק-קאמי־
טעטן, זיי האבן געגעבן סהלשע לאקאלן אויף צו מאכן אין זיי
פארזאמלונגען און מיטינגען. דעמאנסטראציע־צוגי, מאניפעסטא־
ציעס און מיטינגען אונטערן אפענעם הימל זענען געווארן א גע־
וויינלעכע זאך. מייכטנס פלעגט דאס קומען פאר דער מאכט אומ־
געריכט, און זי האט זיך אייגפאך פארלוירן. דעמאלט איז נאך
נישט געווען נישט קיין קריגס־צושטאנד, נישט קיין ציטווילע
גענעראל־גובערנאטארן, נישט קיין בליץ־שנעלע פעלד־געריכטן.

אָבער פונדעסטוועגן פלעגן זיך מאַכן צוזאַמענשטויסן מיט פּאָליציי און מיטן מיליטער; עס איז געווען נישט ווייניק פאַרוואונדעטע און דערהרגעטע, און די לויות פון די קרבנות פון דער רעוואָלוציע פלעגן פאַרוואַנדלט ווערן אין גראַנדיעזע דעמאָנסטראַציעס, אין וועלכע ס׳האָבן זיך באַטייליקט צענדליקער טויזנטער מענטשן פון אַלע נאַציעס און שטאַנדן (דווינסק, האָמעל), — און עס פלעגן געהאַלטן ווערן רעוואָלוציאָנערע רעדעס, אין דער אָנוועזנהייט פון מאַכט־פאַרשטייער, אויף אַלע אָרטיקע שפּראַכן.

צום באַדויערן, איז די פּלאַנמעסיקייט פון דער באַוועגונג אין ליטע און צום טייל אויפן דרום געשטערט געוואָרן דורך דעם, וואָס יענע אָרגאַניזאַציעס, וועלכע האָבן געפירט אָדער געדאַרפט פירן די אַרבעט צווישן קריסטלעכן פּראָלעטאַריאַט, האָבן אין אַ סך ערטער נישט פאַרמאָגט קיין ערנסטע און פעסטע פאַרבינדונגען צווישן די ברייטע שיכטן פּוילישע און רוסישע אַרבעטער. אַזוי למשל, זענען אין האָמעל נישט צוגעשטאַנען צו דער באַוועגונג די אַרבעטער פון אייזנבאַן־דעפּאָ; אין מאָהילעוו איז נאָר אַ טייל קריסטלעכע אַרבעטער צוגעשטאַנען צו דער באַוועגונג; אין וויטעבסק האָבן געשטרייקט כמעט נאָר יידישע אַרבעטער; און אין פּינסק האָט זיך די באַוועגונג טאַקע נישט איינגעגעבן, ווייל די רוסישע אַרבעטער זענען נישט צוגעשטאַנען. *)

אָבער אחוץ אָט די פּיינלעכע דערשיינונגען, איז די באַוועגונג, וואָס די יאַנואַר־געשעענישן האָבן אַרויסגערופן צווישן יידישן פּראָלעטאַריאַט, געווען פון אַזאַ קראַפט און פאַרנעם, אַז פאַר פיל איז דאָס געווען פשוט אומדערוואַרט. דער כאַראַקטעריסטישער און סאַמע ווערטפולער שטריך פון דער באַוועגונג איז באַשטאַנען דערין, וואָס די יידישע אַרבעטער־מאַסן זענען אַרויסגעטרעטן אונטער דער אָרגאַניזירטער פירונג פון אונזערע אָרטיקע קאָמיטעטן. דער קאָמיטעט האָט באַשלאָסן, ווען אַ שטרייק

---

*) זע ידיעות פון די שטעט אין די „לעצטע נאַכריכטן“ נומ. 214 און 221.

הויבט זיך אָן און ווען ער זאָל זיך ענדיקן; ער האט באַשטימט די פאַרזאַמלונגען, מיטינגען, דעמאָנסטראַציעס, — אַלץ איז פאַר־געקומען אונטער זיין אָנפירונג און קאָנטראָל. אָבער די באַווע־גונג איז אומגעהייער שנעל געוואַקסן, זי האָט פאַרכאַפּט אַלץ ברייטערע, ביז דאַן נאָך נישט גערירטע מאַסן אַרבעטער; זי איז אויף אַ גוטער העלפט ארויס פון אונטער דער ערד און גענומען ברעכן די אָרגאַניזאַציאָנעלע ראַמען, וועלכע האָבן זיך אויסגעביל־דעט ביי גאָר אַנדערע באַדינגונגען.

אין פעברואַר 1905 האָט דער צ. ק. צונויפגערופן די זעקס־טע קאָנפערענץ פון אונזער פּאַרטיי, כדי צו באַשליסן די פראַגן, וואָס זענען אַרויסגערוקט געוואָרן דורך דער יאַנואַר־באַוועגונג. די קאָנפערענץ איז פאָרגעקומען אין דווינסק; באַטייליקט האָבן זיך אין איר 25 מאַן, געוויילטע דורך די אָרטיקע קאָמיטעטן און אָר־גאַניזאַציעס. *)

פון די פראַגן, וואָס זענען באַהאַנדלט געוואָרן אויף דער קאָנ־פערענץ, וועלן מיר דערמאָנען פאָלגנדיקע: וועגן אויסברייטערן דעם קרייז פון אונזער השפעה אויף פּראָלעטאַרישע און נישט פּראָלעטאַרישע שיכטן פון דער באַפעלקערונג; וועגן פאַרשטאַרקן די קאַמף־גרייטקייט פון די מאַסן; וועגן אַרבעט צווישן נישט יידישן פּראָלעטאַריאַט; וועגן נייע פאָרמען פון רעוואָלוציאָנערע אַרויסטרעטונגען; וועגן אָפּמאַכן מיט אַנדערע רעוואָלוציאָנערע אָרגאַניזאַציעס, וועגן אַרבעט צווישן מיליטער. ווייטער („צוזאַ־מענפאָרן און קאָנפערענצן") ברענגען מיר אייניקע פון די מער וויכטיקע רעזאָלוציעס, וואָס זענען אָנגענומען געוואָרן אויף דער דאָזיקער קאָנפערענץ.

מיט אונטערפירן אַ סך הכל פון דער יאַנואַר־באַוועגונג האָט זיך טיילווייז פאַרנומען אויך די ערשטע קאָנפערענץ פון די ס"ד אָרגאַניזאַציעס פון רוסלאַנד, וועלכע איז צונויפגערופן געוואָרן לויט דער איניציאַטיוו פון אונזער צ. ק. און איז פאָרגעקומען נאָך

*) „לעצטע נאַכריכטן" נומ. 222 די VI קאָנפערענץ פון „בונד".

פאַר אונזער VI קאָנפערענץ — אין יאַנואַר 1905 (אין ריגע). *)
אין איר האָבן זיך באַטייליקט פאָרשטייער פון אַלע סאָציאַל־דע־מאָקראַטישע אָרגאַניזאַציעס, אחוץ די דעלעגאַטן פון דער „ס״ד פון פוילן און ליטע״ פון דער אַרמענישער ס״ד־אָרגאַניזאַציע און פון „פּראָלעטאַריאַט״, וועלכע האָבן צוליב פאַרשיידענע סיבות נישט געקענט קומען צום באַשטימטן טערמין.

די קאָנפערענץ האָט אָנגענומען אַן אויפרוף „צום פּראָלע־טאַריאַט פון גאַנץ רוסלאַנד״, אין וועלכן ס׳ווערט צווישן אַנדערע באַגריסט דער ענדלעך געמאַכטער ערשטער שריט צו פאַראייניקן אַלע סאָציאַל־דעמאָקראַטישע קרעפטן פון רוסלאַנד, און עס ווערן אויך אויסגערעכנט. אין אביסל אַן אַנדער רעדאַקציע און אַנדער סדר, די זעלבע פאָדערונגען, וועלכע אונזער צ. ק. האָט פאָרמו־לירט אינם פריער דערמאָנטן אויפרוף „צום קאַמף״.

אין דער מיטטיילונג וועגן דער קאָנפערענץ זענען געבראַכט אויך די לעצטע צוויי אָנגענומענע רעזאָלוציעס: וועגן אָפמאַכן מיט די ליבעראַל־דעמאָקראַטישע פאַרטייען און וועגן דער באַציִונג צום בלאָק פון רעוואָלוציאָנערע און אָפּאָזיציאָנעלע פאַרטייען און אָרגאַניזאַציעס, וואָס האָבן אָפגעהאַלטן אַ קאָנפערענץ אין פאַריז, האַרבסט 1904 **).

אין ראַיאָן פון „בונד״ איז די יאַנואַר־באַוועגונג אַוועק ווייט איבער די גרענעצן פון דער אוממיטלבאַרער סיבה, וועלכע האָט די באַוועגונג אַרויסגערופן. אין אַ סך ערטער (ווילנע, קאָוונע, מאָ־הילעוו, דווינסק, וויטעבסק) האָבן זיך די פּאָליטישע שטרייקן איבערגעחזרט אַ צווייטן מאָל, נאָך מיט מער קראַפט און נאָך אימפּאָזאַנטער. כמעט אומעטום האָבן זיך די אַלגעמיינע פּאָליטי־שע שטרייקן פאַרוואַנדלט אין אַ רייע עקאָנאָמישע שטרייקן, לויט

---

*) זע „לעצטע נאַכריכטן״ נום. 219 („מיטטיילונג וועגן דער קאָנפערענץ פון די ס״ד אָרגאַניזאַציעס פון רוסלאַנד״).

**) זע ווייטער: „די צווישן־פּאַרטייאישע באַציִונגען אין די פאַר־רייניקונג מיט ר. ס. ד. א. פ.״

באַזונדערע ווערקשטאַטן און פאַכן. און די עקאָנאָמישע שטרייקן ווידער האָבן ביי דער ערשטער באַקוועמער געלעגנהייט זיך ווידער צונויפגעגאָסן אין אַלגעמיין־פּאָליטישע. אַזוי, למשל, איז געווען אין דווינסק; דער עקאָנאָמישער שטרייק, וואָס האָט אויסגעבראָכן אין פעברואַר אויף איין זאַוואָד, איז אונטערן איינפלוס פון אונזער קאָמיטעט און אונטער זיין ווייטערדיקער אָנפירונג, פאַרוואַנדלט געוואָרן אין אַ פּאָליטישן גענעראַל־שטרייק, וועלכער האָט געדויערט 5 טעג נאָכאַנאַנד. דאָס לעבן פון אַט דער גאַנצער גרויסער האַנדלס־אינדוסטריעלער שטאָט איז געוואָרן אינגאַנצן פּאַראַליזירט; די גאַנצע נאַציאָנאַל־פאַרשיידענע באַפעלקערונג איז אַריינגעצויגן געוואָרן אין אַ גראַנדיעזע פּאָליטישע באַוועגונג, וואָס האָט אין אַ סך פּרטים דערמאָנט מיט זיך די אָקטאָבער־טעג. „ס׳האָט אויסגעזען, ווי די גאַנצע באַפעלקערונג פון שטאָט וואָלט נאָר געוואַרט אויף אַ רוף פונם קאָמיטעט, כדי אַריינצוטרעטן אין אָן אָפענעם קאַמף פאַר פרייהייט... אַרבעטער, אינטעליגענץ, לערן־יוגנט, אפילו קאַפּיטאַליסטן און סתם בירגער זענען געסומען אויפן בולוואַר נאָך פּראָקלאַמאַציעס. באַאַמטע, אָפיצירן, זעלנער האָבן קורץ געפרעגט: „היינטיקע בלעטלעך?“ *) אין די צוזאַמענשטויסן מיט פּאָליציי און מיליטער איז געפאַלן נישט ווייניק פאַרוואונדעטע; פאַר צוויי געשמאַרבענע פון וווּנדן האָט מען אָרגאַניזירט לויה־צוגן, אין וועלכע ס׳האָבן זיך באַטייליקט צו 15—20 טויז. מאַן, פון אַלע שיכטן; אויף די פאָדערונגען פון דער פּאָליציי צו עפענען די קראָמען, האָט מען געענטפערט: „דער קאָמיטעט האָט געהייסן שליסן און ער וועט זאָגן, ווען צו עפענען“. און אייניקע סוחרים האָבן נישט געעפנט זייערע קראָמען אַזוי לאַנג, ביז זיי האָבן נישט איבערגעלייענט אין דער פּראָקלאַמאַציע פון קאָמיטעט, אַז דער שטרייק איז געענדיקט. די מעלדונג וועגן פאַרענדיקן דעם שטרייק איז באַגלייט געוואָרן מיט אַ גאַנצער רייע מאַניפעסטאַציעס, וואָס די אַרבעטער האָבן איינגעאָרדנט גלייכצייטיק אין פאַרשידענע עקן שטאָט. „ס׳האָט אויסגעזען, אַז די גאַנצע שטאָט

*) זע „לעצטע נאַכריכטן“ נום. 224.

האָט זיך צונויפֿגעגאָסן אין איין געשריי: נידער מיט דער זעלבסט־הערשונג! זאָל לעבן די דעמאָקראַטישע רעפּובליק!"*) דאָס זעלבע — ווו אין אַ קלענערן און ווו נאָך אין אַ גרעסערן מאַסשטאַב — איז פֿאָרגעקומען אויך אין אַנדערע שטעט פֿון אונזער ראַיאָן. אַלגעמיינע שטרייקן האָט מען אָרגאַניזירט צוליב דער פֿעברואַר־שחיטה אין באַקו, צוליב דעם 19 פֿעברואַר — דעם טאָג פֿון דער פּויערים־באַפֿרייאונג, צוליב דעם 1 מערץ — צום אָנדענק פֿון דער דערמאָרדונג פֿון אַלעקסאַנדער II. די חדשים פֿון נאָך יאַנואַר 1905 זענען פּאַקטיש אַ צייט פֿון אומאויפֿהערלעכע אַלגעמיינע שטרייקן, אָדער — פֿון אַ מין פּערמאַנענטן גענעראַל־שטרייק.

פּראָקלאַמאַציעס און בלעטלעך האָט מען פֿאַרשפּרייט אָפֿן, אויף די אויגן פֿון פּאָליציי און מיליטער, און נישט זעלטן האָבן די לעצטע אַליין זיך באַטייליקט אין דער פֿאַרשפּרייטונג. פֿאַרזאַמלונגען און מיטינגען האָט מען איינגעאָרדנט אויף אַ. אופֿן, וועלכער האָט שפּעטער געקראָגן דעם נאָמען „מעלד־אופֿן", אָדער ריכטיקער — אויפֿן וועג פֿון „פֿאַרכאַפּטע רעכט", גאָר אָן אַ שום מעלדונג, נישט צופֿרעגנדיק ביי קיינעם נישט. אויף די אַרבעטער־בערזעס, ד. ה. אויף די גאַסן און בולוואַרן, ווו די אַרבעטער פֿלעגן זיך פֿריער אויך זאַמלען אין באַשטימטע אָוונט־שעהן — ווערן איצט, פֿון יאַנואַר אָן, אָפּגעהאַלטן פֿיל־טויזנטערדיקע מיטינגען; אונטער פֿרייען הימל. הערן די רעדנער זענען געקומען אויף דער בערזע נישט נאָר אַרבעטער, נאָר אויך אַנדערע שיכטן באַפֿעלקערונג: מען פֿלעגט קומען פֿון די נאָענטערע געוועלבער און קראָמען; עס פֿלעגן קומען רעזערוויסטן מיט זייערע ווייבער; אויף די באַלקאָנען און טרעפּ פֿון די דערנעבנדיקע הייזער — אימעטום זענען מענטשן געשטאַנען און געהערט. „די פֿורמאַנעס שטעלן זיך אָפּ; עולם דורכגייער שטייען צו צום המון. און אין מיטן דער געוואַלדיקער געדיכטער מאַסע, וואָס פֿאַרפֿילט די גאַנצע גאַס, האַלט אונזער רעדנער אַ הייסע רעדע וועגן פּאָליטישן מאָמענט, וועגן

*) „לעצטע נאַכריכטן" נומ. 224.

דער אומפּאַרמייזלעכקייט פון דער רעוואָלוציע; ער פּאַרענדיקט זיין רעדע מיט אַ רוף צו באַוואָפענען זיך, און אַ הילכיקער „הורא״ פאַרטויבט דעם געוויינלעכן רעש און געקלאַפּער פון גאַס״. *)

אַזוי באַשרייבט אונזער וואַרשעווער קאָרעספּאָנדענט די גאַסן־מיטינגען אין וואַרשע. די דאָזיקע באַשרייבונג איז ריכטיק אויך פאַר אַ סך אַנדערע, אויב נישט פאַר אַלע שטעט פון אונזער ראַיאָן — אַן אונטערשייד קאָן זיין בלויז אין פּרטים. די מיטינגען אויף די בערזעס זענען געוואָרן אַ געוויינלעכע, שיר נישט אַ טאָג־טעגלעכע דערשיינונג. די מאַכט האָט זיי געדולדעט, שלום גע־מאַכט מיט זיי — אָבער עס פלעגט פּאַסירט ווו נישט יון אַמאָל קו־מען צו צוזאַמענשטויסן מיט פּאָליציי און מיליטער, און די דאָ־זיקע צוזאַמענשטויסן האָבן פון זייער זייט אַרויסגערופן נייע פּראָטעסטן, נייע מיטינגען און דעמאָנסטראַציעס, נייע אַלגעמיינע שטרייקן.

אַזאַ בלוטיקער צוזאַמענשטויס איז פאָרגעקומען אָנהויב אַפּ־ריל (נייער סטיל) אין וואַרשע. נאָך אַ 7 טאָגיקן הונגער־שטרייק און נאָך 7 טאָג אָפּזיצן אין קאַרצער איז אין טורמע געשטאָרבן אונזער אַ יונגער חבר י. גראַוער, וועלכער איז אַרעסטירט גע־וואָרן בעת אַ דעמאָנסטראַציע, ביי אַ צוזאַמענשטויס מיט דער פּאָ־ליציי. אויפן רוף פון אונזער וואַרשעווער קאָמיטעט איז געקומען צו דער געפּלאַנטער לויה ביז 30 טויזנט אַרבעטער. ס׳איז אַריי־נער עטלעכע שעה אין וואַרטן, און דער אויפגערעגטער המון האָט זיך דערוווסט, אַז די אַדמיניסטראַציע האָט באַשלאָסן נישט אַרויס־צוגעבן דעם קערפּער. ווייל מען האָט מורא געהאַט „אימרוען״. די אויפגערעגטע אַרבעטער האָבן אָנגעהויבן דעמאָנסטרירן; ס׳האָט זיך דערהערט רעוואָלוציאָנערע אויסרופן, געזאַנג, איבער די קעפּ פונם המון האָט זיך באַוויזן אַ רעדנער, וועלכער האָט געהאַלטן אַ קורצע נאָר הייסע רעדע — און זי איז באַגלייט געוואָרן מיט נייע אויסגעשרייען. די אַרבעטער האָבן שוין אָנגעהויבן זיך פונאַנדער־

*) „לעצטע נאַכריכטן״ נומ. 227.

גיין, ווי מיט אמאל האבן סאלדאטן און פאליציאנטן געעפנט א פייער איבער איניקע גרופעס פון זיי. דריי זענען גלייך אויפן ארט געפאלן טויט; 20 זענען געווארן שווער פארוואונדעט, פון זיי זענען צוויי — סאלאמאן מארגאלין און פראניא גראבעלסקאיא — אין 3 טעג ארום געשטארבן, און דער יידישער פראלעטאריאט פון ווארשע האט באערט דעם אנדענק פון די געפאלענע דורך אן אייגנטאניקן פאליטישן שטרייק. לויטן רוף פון אונזער קאמיטעט, האבן זיך דעם 5 אפריל פון אין דער פרי אפגעשטעלט אלע יידישע פאבריקן און ווארשטאטן, און פון מיטאג צייט האבן זיך פארייניקט צום שטרייק אויך די מערהייט קריסטלעכע חברים.

די בלוטיקע צוזאמענשטויסן האבן נישט שוואכער געמאכט, נאר פארקערט נאך פארגרעסערט דעם רעוואלוציאנערן אימפעט פון די ארבעטער. די קאמף־גרייטקייט פון יידישן פראלעטאריאט האט דעמאלט געהאלטן אין כסדרדיקן וואקסן. אין יענער צייט האבן זיך אונזערע ארגאניזאציעס אויך ענערגיש געגרייט צום יום־טוב פון 1 מאי און צו זעלבסטשוץ. די פאגראם־אגיטאציע האט אין פרילינג 1905 דערגרייכט צו איר העכסטער מדרגה. *)

*) זע ווייטער: „פאגראמען און זעלבסטשוץ" און „די 1 מאי־באוועגונג".

# 3. זומער און האַרבסט 1905

די אַרבעטער-בערזעס ווערן צענטרען פון אָפענער רעוואָלוציאָנערער אַגיטאַציע און דערוואַרבן זיך „בירגער-רעכט“ — לאָדז און אָדעסע — די צעשיסונג אין ביאַליסטאָק. — קלאַנגען, אַז מען רופט אינגיכן צונויף פאָלקס-פאַרטרעטער, און אַ צירקולאַר-בריוו פון צ. ק. — פראָטעסטן קעגן דער אַ. ג. „בוליגינשער“ דומע. — די מעלדונג וועגן צונויפרופן די דומע און די פאַרשטאַרקונג פון רעפּרעסיעס. — פינאַל פון רעוואָלוציאָנערן יאָר. — די אָקטאָבער-טעג און דער דעצעמבער-אויפשטאַנד

די פּאָגראָם־אַגיטאַציע פון דער רעגירונג, וועלכע האָט זיך פרילינג 1905 געפירט מיט אַ באַזונדערער אָנגעשטרענגטקייט און ענערגיע, האָט ווי מיר וועלן זען ווייטער, געליטן כמעט אַ פולשטענדיקן דורכפאַל. די קאַמפּאַניע צום 1 מאַי איז יענעם יאָר אַדורך אין גאַנצן ראַיאָן פון „בונד“ מיט אויסערגעוויינלעכן דערפאָלג. דער שטרייק איז געווען אַן אַלגעמיינער, כמעט אין בוכשטעבלעכן זינען פון וואָרט; אומעטום האָט ער זיך אויסגעצייכנט מיט אויסערגעוויינלעכער פּלאַנמעסיקייט און אָרגאַניזירטקייט; דערנאָך האָט ער זיך צעברעקלט אויף אַ גאַנצע רייע עקאָנאָמישע שטרייקן, וועלכע האָבן נאָך מער צוגעגרייט דעם באָדן פאַר דער אַנטשטייאונג פון נייע פּאָליטישע שטרייקן; ער האָט אַריינגעצויגן אין דער באַוועגונג נייע, ביז איצט נאָך נישט גערירטע, ברייטע שיכטן אַרבעטער. נאָך דער געלונגענער מאַי־קאַמפּאַניע הויבט די באַוועגונג אָן נאָך מער אַרויסגיין פון אונטער דער ערד. זי רייסט זיך אויף דרויסן מיט אומבאַזיגבאַרער קראַפט. די באַוועגונג, וועלכע ווערט אומעטום געשפּייזט פון די זעלבע שנעל לויפנדיקע געשעענישן און ווערט אָנגעפירט פון איין אַלגעמיינעם צענטער, כאַפּט דאָ אַרום אַלע שטעט אין ראַיאָן פון אונזער פּאַר־

טיי, און פאַרבינדט זיי צווישן זיך דורך טויזנטער פעדים. ציזאַ־
און קלענערע שטעט פון גאַנצן ראַיאָן; און דער אַלגעמיינער פּראָ־
געפינען באַלד אַ לעבעדיקן אָפּקלאַנג אין אַ גאַנצער רייע גרויסע
מען דערמיט וואַקסט אויך דער אימפּעט. געשעענישן אין איין אָרט
טעסט, דער אַלגעמיינער קאַמף, די אַלגעמיינע פּאָרמען: גופא פונט
קאַמף — דאָס אַלץ פאַראייניקט און פאַרבינדט נאָך מער די שטעט
צווישן זיך, און גיט צו דער גאַנצער באַוועגונג אַן איינהייטלעכן,
איינאַרטיקן און דעריבער נאָך אַ מער אימפּאָזאַנטן כאַראַקטער.
דער בלוטיקער צוזאַמענשטויס אין וואַרשע, דער פּאָגראָם אין זשי־
טאָמיר, די אויפהערלעכע פּאָגראָם־אַגיטאַציע פון די רעגי־
רונגס־אַגענטן — רופן ארויס אין אַלע פונקטן פון בונדישן ראַ־
יאָן אַן אַלגעמיינעם פּראָטעסט, וועלכער נעמט אָן גלייכע פאָרמען
פון פּאָליטישע שטרייקן, פון מאַנעפעסטאַציעס, פון צאָלרייכע מי־
טינגען און פאַרזאַמלונגען; די ידיעות פון שלאַכט־פעלד, די קלאַנ־
גען וועגן דער פּראָיעקטירטער פון אויבן, ארומגעשניטענער קאָנ־
סטיטוציע, וועגן דעם, אַז יידן וועלן נישט האָבן קיין וואַל־רעכט
א. א. וו. א. אַ. וו. גיבן אומאויסשעפּלעכן מאַטעריאַל פאַר אַגי־
טאַציע, שפּייזן די רעוואָלוציאָנערע אויפרודערונג צווישן די ברייט־
טע מאַסן און גרייטן צו דעם באָדן פאַר אַלץ נייע אַלגעמיינע רע־
וואָלוציאָנערע אַרויסטרעטונגען.

די אַרבעטער־בערזעס זענען געווען צענטרען פון אָפענער
רעוואָלוציאָנערער אַגיטאַציע און פּראָפּאַגאַנדע; עס זענען דאָרטן
פאָרגעקומען כמעט אומאויפהערלעכע צאָלרייך באַזוכטע מיטינגען,
באַזונדער אין יום־טוב־טעג. די בערזעס זענען געוויינלעך געווען
אויך דער אויסגאַנגס־פונקט פאַר דעמאָנסטראַציעס און מאַני־
פעסטאַציעס, אָפט סטיכישע, אימפּראָוויזירטע. דאָ האָט מען פּראָ־
קלאַמאַציעס און בכלל אומלעגאַלע ליטעראַטור געטיילט און מען
האָט זיי געלייענט — צומאָל גרופּעסווייז צו עטלעכע צענדליק
מאַן — פולשטענדיק פריי, אויף די אויגן פון פּאָליציי און מיליי־
טער; די לעצטע האָבן געהאַלטן די אָרדנונג און אין ערגסטן פאַל
האָבן זיי זיך באַצויגן פּולקאָם פּאַסיוו צו אַלץ, וואָס האָט זיך

געטון אויף דער בערזע, און אין בעסערן פאַל האָבן זיי אויפמערקזאַם געהערט די רעדעס און גערן גענומען בלעטלעך פאַר זיך און פאַר זייערע קאָלעגן. נישט אומזיסט האָט מען סוף זומער, ווען ס'איז געמאָלדן געוואָרן וועגן צענויפרוף פון דער דומע און מ'האָט דערקלערט אַז אָפענע מלחמה די אַרבעטער־בערזעס, אין גאַנצן יידישן תחום אָנגעהויבן פאַרבייטן די זעלנער אויף קאָזאַקן, דראַגונער און טשערקעסן.

אין משך פון זומער 1905 איז די פּאָפּולערקייט פון דער „בערזע" אַלץ געוואַקסן; באַעולהטע און דערנידעריקטע האָבן געזוכט אויף די בערזעס, ביי די „דעמאָקראַטן", גערעכטיקייט און שוץ: נישט זעלטן האָבן מאַכט־פאָרשטייער אַליין זיי געשיקט אַהין. *)

די בערזע איז געוואָרן אַ געוויינלעכע טאָג־טעגלעכע דערשיינונג, מיט וועלכער די מאַכט אָה טביסלעכווייז שלום געמאַכט; אין אַלע שטעט פון אונזער ראַיאָן האָט זי זיך דערוואָרבן בירגער־רעכט.

אָט איז אַ דורכשניט־בילדל פון לעבן אויף דער בערזע.

די גאַס לעבט... אין איין אָרט פירט אַ הייפל אַרבעטער פון פאַרשיידענע פאַרטיי אַ הייסן וויכוח; אין אַ צווייטן אָרט רעפערירט אונזערער אַ חבר פאַר אַ גרופּע רוסישע אַרבעטער דעם תמצית פון דער פּראָגראַם פון „בונד"; נאָך ווייטער האָט אַ המון אַרומגערינגלט עפּעס אַן אַלטיטשקע, וועלכע איז געקומען קלאָגן זיך פאַר די „דעמאָקראַטן", אַז עמיץ האָט זי באַעולהט: זי איז זיכער, אַז דאָ וועט זי געפינען שוץ... דער המון וואַקסט — מען וואַרט דער מיטינג זאָל זיך אָנהויבן...

און אָט איז אַ בילד פון אַ מיטינג אויף דער בערזע.

די גאַס איז אויף אַ גרויסן מהלך פאַרפּאַקט מיט אַ טויזנט־קעפּיקן המון אַרבעטער און אינטעליגענץ; באַלקאָנען און פענסטער פון אַרומיקע הייזער זענען פאַרשאָטן מיט מענטשן. צום אָרט פון מיטינג דערנענטערט זיך אַ שטאַרקער זעלנער־פּאַטרול. דער רעד־

*) זע „לעצטע נאַכריכטן" נומ. 246 (פון פּוילישן ראַיאָן).

נער וועגדעט זיך צו די סאָלדאַטן מיט אַ קורצער רעדע, רופט זיי צוצושטיין צום אַלגעמיינעם קאַמף... אויפן באַפעל פון זייע עלטסטען אוועקצוגיין ענטפערן די זעלנער: „מיר ווילן אויך אַביסל הערן". *)

אין דער אָנגעשטרענגטער אַטמאָספער פון אומאויפהערלעכן רעוואָלוציאָנערן קאַמף האָט זיך געקליבן ברען־מאַטעריאַל גאָר אָן אַ שיעור. מיט יעדן טאָג איז געוואָרן אַזאַ מאַטעריאַל אַלץ מער. עס איז דעריבער קיין חידוש נישט, וואָס איינצלנע רעוואָלוציאָנערע אויסברוכן, פאַר וועלכע עס זענען דאַן געווען געלעגנהייטן זייער פיל, נעמען אָן אין משך פון זומער 1905 אַ כאַראַקטער פון אמתע אויפשטאַנדן.

אַזאַ כאַראַקטער טראָגן די געשעענישן אין לאָדז. אָנגעהויבן האָבן זיי זיך דעם 5־18 יוני מיט אַן אימפּראָוויזירטער מאַניפעסטאַציע; עס פאַלן 9 דערהרגעטע און 18 פאַרוואונדעטע, עס הייבט זיך דאַן אָן אַ באַריקאַדן־קאַמף, אין וועלכן עס קומען אום, אפילו לויט אָפיציעלע ידיעות, אַרום 2000 אַרבעטער און אין וועלכן די הויפּט־ראָל שפּילט דער יידישער פּראָלעטאַריאַט **). איידער נאָך אין אָדעסער פּאָרט איז אָנגעקומען די באַרימטע פּאַנצער־שיף „פּאָטיאָמקין" מיט די אויפגעשטאַנענע מאַטראָזן, איז אין אָדעס פּאָרגעקומען אַ פּאָליטישער שטרייק, זייער פיל צוזאַמענשטויסן מיט פּאָליציי און מיליטער און אַ באַריקאַדן־קאַמף אויף די גאַסן פון אָדעס — אין וועלכן ס'באַטייליקן זיך הויפּטזעכלעך יידישע אַרבעטער (די פּאָרשטעט, וווּ ס'לעבן די קריסטלעכע פאַבריק־אַרבעטער, זענען געווען אָפּגעשלאָסן פון צענטער), אונטער דער אָנפירונג פון אונזער אָדעסער קאָמיטעט ***).

אין ביאַליסטאָק גייט פון פעברואַר אָן (1905) אַ פאַרצווייפלטער קאַמף צווישן פּאָליציי און מיליטער פון איין זייט און צווישן די רעוואָלוציאָנערע אָרגאַניזאַציעס פון פאַרשיידענע שאַטירונגען

*) זע „לעצטע נאַכריכטן" נומ. 235 און 237 (האָמעל).

**) „לעצטע נאַכריכטן" נומ. 238 און 239.

***) „לעצטע נאַכריכטן" נומ. 241 — 243 (אָדעסער אויפשטאַנד).

און ריכטונגען פון דער צווייטער זייט. אויפן מאָרד פון א קאָזאַק, פון א פּאָליציאַנט, אויף אָפן פּראָוואָקאַטאָרישע שאָסן ענטפערן פּאָליציי און מיליטער מיט קאָזאַקישן טעראָר, מיט דורכזוכן און מערדעריען, און ענדלעך, דעם 30 יולי 1905 קומט פאָר אַן אָפענע שחיטה: אין איין טאָג פאַלן פון די הענט פון פּאָליציי און מיליטער ביז 40 פּערזאָן, צווישן זיי מער ווי 10 מיטגלידער פון אונזער אָרגאַניזאַציע *).

דאָס אבזרישע דערשטיקן פון די אויפשטאַנדן אין לאָדז און אין אָדעס, די בלוט־באָד אין ביאַליסטאָק, די אָפּרעכענונג מיט די ארבעטער אין איוואַנאָוואָ־וואָזנעסענסק, רופן אַרויס אַן איינמוטיקן פּראָטעסט אין גאַנצן ראַיאָן פון אונזער פּאַרטיי — נייע פּאָליטישע שטרייקן, דעמאָנסטראַציעס און מאַניפעסטאַציעס, וועלכע ווערן באַגלייט פון נייע צוזאַמענשטויסן מיט פּאָליציי און מיליטער. דער דאָזיקער פּראָטעסט גיסט זיך צענויף מיטן פּראָטעסט קעגן אַ. ג. „בוליגינשן" פּראָיעקט פון קאָנסטיטוציע, — ווייל אָנהויבנדיק פון סוף יוני האָט מען פון טאָג אויף טאָג געוואַרט אויף זיין פאַרעפנטלעכונג.

דעם 18 פעברואַר (לויטן אַלטן סטיל) 1905 איז פאַרעפנטלעכט געוואָרן אַ רעסקריפּט אויפן נאָמען פון אינערן־מיניסטער — אין אים רעדט זיך צום ערשטן מאָל וועגן צונויפרופן די „בעסטע" אויסדערוויילטע פון דער באַפעלקערונג, זיי זאָלן זיך באַטייליקן „אינם פּרעלימינאַרן באַארבעטן און באַהאַנדלען געזעצגעבערישע פּראָיעקטן", איינהיטנדיק דורכאויס די „אומצעריימבאַרע היסטאָרישע פאַרבינדונג מיט דער פאַרגאַנגנהייט" און די „אומבאַרירלעכקייט פון די גרונט־געזעצן פון דער אימפּעריע". דעם זעלבן טאָג אין אָוונט האָט זיך באַוויזן א צאַרישער מאַניפעסט, וועלכער האָט געדינט, ווי מיר וועלן ווייטער זען („פּאָגראָמען און זעלבסטשוץ"), פאַר א סיגנאַל צו אָרגאַניזירן שוואַרץ־מאַהדיקע באַנדעס. אין אים רעדט זיך וועגן „בייזוויליקע וואָס זענען פאַרבלענדט דורך גאווה", וועגן „וואַקלענישן פון געדאַנק",

*) „לעצטע נאַכריכטן" נום. 247 און 253 (ביאַליסטאָקער שחיטה).

און אַלע רוסישע מענטשן ווערן גערופן צו פֿאַרייניקן זיך אַרום טראָן. די דאָזיקע צוויי פאַקטן, אגב, האָבן אָנגעצייכנט די גאַנצע ווייטערדיקע פּאָליטיק פון דער רוסישער זעלבסטהערשונג: אָנצוהערעניש וועגן עפּעס רעפאָרמען און פּאַראַלעל דערמיט — אָרגאַניזירונג פון שוואַרצע מאות, וועלכע זאָלן דעמאָנסטרירן, דורך פּאָגראָמען און היגות, דעם פּראָטעסט פון די „עכט־רוסישע לייט" קעגן די אויסקלערענישן פון די „בייזוויליקע" וואָס זענען פאַרבלענדעט דורך גאווה".

פון דעמאָלט אָן הערן נישט אויף, סיי אין דער געזעלשאַפט און סיי אין דער פּרעסע, קלאַנגען און שמועסן וועגן קאָנסטיטוציע־פּראָיעקט, וועלכן עס האַלט אין צוגרייטן דער דעמאָלטיקער מיניסטער בוליגין. אין יוני 1905 פאַרשטאַרקן זיך נאָך מער די קלאַנגען, אַז גאָר גיך וועט מען פאַרעפנטלעכן דעם סטאַטוט פון דער מלוכה־דומע, — און דער צ. ק. פון „בונד" ווענדט זיך מיט אַ צירקולאַר־בריוו צו די אָרגאַניזאַציעס און לייגט זיי פאָר תיכף צוטרעטן אָרגאַניזירן פאָלקס־פאַרזאַמלונגען און מיטינגען, כדי צו פּראָטעסטירן קעגן דער אַרומגעשניטענער קאָנסטיטוציע, און וווּ ס'איז פאַראַן אַ געהעריקע שטימונג — אויך אָרגאַניזירן שטרייקן, מאַניפעסטאַציעס און דעמאָנסטראַציעס. דערביי רעקאָמענדירט דער צ. ק. די אָרטיקע אָרגאַניזאַציעס צו שליסן אָפּמאַכן מיט אַנדערע ס"ד־קישע און רעוואָלוציאָנערע אָרגאַניזאַציעס, נאָר פאַר קיין פאַל נישט אַריינטרעטן אין קיינע שום אָפּמאַכן מיט די פאַרשיידענע ציוניסטיש־סאָציאַליסטישע גרופּעס. די לעצטע ווילן זיך באַמיען אויסנוצן די קלאַנגען, אַז יידן וועלן נישט האָבן קיין וואַל־רעכט „צוליב זייער נאַציאָנאַליסטישער און שאָוויניסטישער אַגיטאַציע", אונדז אָבער איז אין איצטיקן מאָמענט פון אַלגעמיינער עמפּערונג באַזונדער וויכטיק זיך אָפּצוגרענעצן „פון אַלערליי נאַציאָנאַליסטישע עלעמענטן".

אַלע אָרגאַניזאַציעס פון אונזער ראַיאָן האָבן זיך ענערגיש אָפּגערופן אויפן אַפּעל פון צ. ק. אין אַ סך שטעט האָט זיך די באַוועגונג אָנגעהויבן נאָך איידער ס'איז געקומען דער רוף פון צ. ק.

אין משך פון יולי 1905 דערגרייכט די קאמפאניע פון אלגע־מיינע פאלקס־מיטינגען, פון שטרייקן, דעמאנסטראציעס אין אינ־טענסיווסטער טעטיקייט פון די ארבעטער־בערזעס איר העכסטן פונקט. אפילו אין די אפגעשטאנענע פראווינץ־שטעט (בריסק, פינסק) קומען צו 2—3 טויז מאן אויף די מיטינגען, וואס ווערן גערופן דורך אונזערע קאמיטעטן געוויינלעך אין די שולן און בתי מדרשים. אין די גרעסערע שטעט (בערדיטשעוו, מינסק, זשי־טאמיר) באזוכן די מיטינגען פון 5 ביז 10 טויזנט מאן פון אלע קלאסן, און מחמת מאנגל אין פלאץ בלייבן נאך אומגעהייערע מחנות אויף די ארומיקע גאסן. אז עס קומט פאליציי, דערקלערט מען איר אפן דעם ציל פון דער פארזאמלונג — באטראכטן דעם בוליגין־פראיעקט, און נאך א ישוב הדעת מיטן גובערנאטאר באַ־גרענעצט זי זיך בלויז דערמיט, וואס זי ארגאניזירט פון פאליציי און מיליטער א דרויסנדיקע באוואכונג ביי די סינאגאגעס. די פראטעסט־רעזאלוציעס, וואס אונזערע רעדנער לייגן פאר קעגן דער צינעוועץ־פענער פון אויבן פסיידא־קאנסטיטוציע, ווערן אנ־גענומען מיט ענטוזיאזם און ווערן דערנאך פארשפרייט אין הונ־דערטער און טויזנטער עקזעמפלארן אויף די ארטיקע שפראכן. *) נאטירלעך, האבן אויך נישט געפעלט קיין צוזאמענשטויסן מיט פאליציי און מיט מיליטער, און ס'האבן נישט געפעלט קיין דער־מארדעטע, פארווונדעטע און ארעסטירטע. און אויב די רוסישע רעגירונג האט זיך נישט אנטשלאסן אפצונעמען ביי יידן דאס וואל־רעכט צו דער דומע, איז עס נאר א דאנק דעם צושטאנד פון רע־וואלוציע אין פערמאנענץ, וואס איז געשאפן געווארן דורכן קאמף פון יידישן פראלעטאריאט אין גאנצן ראיאן פון אונזער פארטיי. דאס ווערט באשטעטיקט אויך אפיציעל — אינם מעמאריאל פונם מחבר פונם בוליגין־פראיעקט.

סוף יולי און באזונדערס אין אויגוסט, נאכדעם ווי ס'איז פובליקירט געווארן דער סטאטוט פון דער מלוכה דומע, האט די

*) „לעצטע נאכריכטן", נומ. 242 — 251. טעלעגראמען פון אט די מיטינגען האבן זיך דאן געדרוקט אין אלע רוסישע צייטונגען.

אַרטיקע מאַכט, לויט אַ פאַראָרדענונג פון אויבן, דערקלערט אַן
אמתע מלחמה די אַרבעטער-בערזעס. אין אַ סך ערטער ווערן די
פוסגייער זעלנער פאַרביטן אָדער פאַרשטאַרקט דורך אָטריאַדן
„פרישע" קאָזאַקן, דראַגונער און טשערקעסן, — ווייל די ערשטע
זענען שוין „דעמאָראַליזירט" פון צו נאָענטן קאָנטאַקט מיט די
אַרבעטער אין משך פון אָט דעם אומפאַרגלייכלעכן זומער 1905,
דערפון וואָס זיי זענען צו אָפט בייגעווען אויף די בערזעס בעת
מיטינגען און פאַרזאַמלונגען. די קאָזאַקן, דראַגונער און טשער-
קעסן זענען מאָביליזירט געוואָרן צו דער מלחמה מיטן אויסערלעכן
שונא, אָבער מען האָט זיי נישט אָפּגעלאָזט אַהיים אפילו שוין
נאָכן שליסן דעם שלום, ווייל מען האָט זיי געברויכט פאַר דער
נייער מלחמה, מיטן אינערלעכן פיינט, וועלכע האָט זיך אַלץ מער
צעפלאַקערט.

פון דער צווייטער זייט הויבט זיך אָן אַ פאַרצווייפלטער קאַמף

צווישן די אַרבעטער פון איין זייט און פּאָליציי און מיליטער
אַרום די בערזעס, ד. ה. פאַרן רעכט פון אָפענע גאַסן-פאַרזאַמלונ-
גען און מיטינגען, וואָס איז אויסגעקעמפט געוואָרן מיט אַזוי פיל
קרבנות. מען יאָגט פון די גאַסן און בולוואַרן נישט נאָר די אַר-
בעטער, נאָר אויך דעם פרידלעך שפּאַצירנדיקן עולם, און קאָזאַקן
מייסטנס שיכורע, — שטעלן זיך נישט אָפּ נישט פאַר מאַסן-
הריגות, און נישט פאַר מאַסן-צעשיסונגען. מען שלאָגט אומע-
טום אומבארחמנותדיק; די באַדינגונגען פון דער אַרבעט ווערן
אומגעהויער שווערע. *)

פון מיטן אויגוסט לאָזט זיך מערקן אין דער באַוועגונג אַ
קענטיקער אָפּפאַל. אין סעפּטעמבער טרעט אַריין אַ שטילשטאַנד
אין ראַיאָן פון „בונד", ווי בכלל אין גאַנצן לאַנד. געווירקט האָבן
די אומגעהויער פאַרשטאַרקטע מיליטעריש-פּאָליצייִשע רעפּרע-
סיעס, און עס האָט זיך אויך אָפּגערופן די פאַרמאַטערטקייט פון
די אַרבעטער פון דעם אינטענסיוון קאַמף, וואָס האָט זיך געפירט
אָן איבעררייסן פון אָנהויב יאַנואַר אָן. אָבער דאָס איז געווען אַ

*) „לעצטע נאַכריכטן" נום. 247 — „פאַרשטאַרקטע רעפּרעסיעס".

צייטווייליקע שטילקייט, די שטילקייט פאר דעם גרויסן שטורעם פון די אקטאבערשע און נאכאקטעבערשע טעג.

באשרייבן אויספירלעך די געשעענישן פון די אקטאבער־און דעצעמבער־טעג איז נישט דא, פארשטייט זיך, דער פלאץ. לאמיר נאר אנווייזן, אז דער יידישער פראלעטאריאט האט אין די געשעענישן געשפילט גאר א גרויסע, און אין א סך ערטער די אנפירנדיקע ראל. אונזערע ארטיקע פארטיי־ארגאניזאציעס זענען כמעט אומעטום געשטאנען בראש פון דער באוועגונג, און צוזאמען מיט אנדערע ס"ד ארגאניזאציעס האבן זיי אנגעפירט מיט די פאבריק־ און זאוואד־, אייזנבאן־, פאסט־ און טעלעגראף־שטרייקן. אונזערע רעדנער זענען מיט סאלאסאלן דערפאלג ארויסגעטרעטן אויף פאלקס־מיטינגען פאר צענדליקער טויזנטער נישט נאר יידישע נאר אויך קריסטלעכע ארבעטער, און האבן אויף אזא אופן פאפולאריזירט די סאציאל־דעמאקראטישע אידייען צווישן די ברייטסטע פאלקס־מאסן. אין פעטערבורגער ראט פון ארבעטער־דעפוטאטן איז געווען א פארשטייער פון צ. ק. פון „בונד". דער מאניפעסט פון 8 (21) דעצעמבער, וועלכער רופט דעם פראלעטאריאט פון גאנץ רוסלאנד צום אנטשיידענעם קאמף, האט אויך די אונטערשריפט פון צ. ק. פון „בונד". לויטן פארשלאג פון אונזער פארשטייער האט מען אריינגענומען אין „מאניפעסט" אויך די פאדערונג וועגן אפשאפן אלע אויסנאם־געזעצן קעגן די אונטערדריקטע נאציעס. די דאזיקע פאדערונג איז מערער אנטוויקעלט אינם ספעציעלן אויפרוף צום דעצעמבער־שטרייק, וואס אונזער צ. ק. האט ארויסגעגעבן אין א צאל פון 180 טויזנט עקז., אויף דריי שפראכן.

דער דעצעמבער־אויפשטאנד איז דער פינאל פון אט דעם יאר 1905, וואס האט נישט זיין גלייכן אין דער געשיכטע פון דער רוסלענדישער רעוואלוציאנערער באוועגונג. אין משך פון גאנצן יאר, נישט האבנדיק קיין שום לעגאלע ראמען פאר איר ארבעט, איז די סאציאל־דעמאקראטיע דאך געגאנגען פון זיג צו זיג און האט אנגעהוליעט „רויטע באקן". זי איז געווען שיר נישט די

איינציקע אזוי אָדער אנדערש אָרגאַניזירטע פּאָליטישע קראַפט, און איר אָרגאַניזירטקייט, איר כוח און איינפלוס זעגען נאָך שנעל געוואַקסן אין פּראָצעס גופא פון קאַמף. מיט איר וווּקס און אַנט־וויקלונג האָט זי געשטופּט די בירגערלעכע דעמאָקראַטיע צו אָר־גאַניזירן זיך, און אין שטורמישע מאָמענטן איר אויפגעצווונגען אירע לאָזונגען דאַקעגן די רעגירונג שטעלט מיט זיך פאָר אין משך פון גאַנצן יאָר 1905 א מוסטער פון ערגסטער פאַרלוירנקייט און אומדעצידירטקייט; צייטנווייז פאַלט ביי איר די מאַכט ממש פון די הענט. די רעאַקציאָנערע עלעמענטן, פאַר וועלכע דאָס אַלץ איז געקומען אומגעריכט, איבערראַשן נאָר מיט זייער טעמפּסקייט, מיט זייער אומבכוחיקייט צו וואָס ס'נישט איז און מיט זייער להלוטנ־דיקער נישט־אָרגאַניזירטקייט. דער „פאַרבאַנד פון רוסישן פאָלק“, וואָס דער מאַניפעסט פון 18 פעברואַר איז געווען דער סיגנאַל פאַר זיין אָרגאַניזירונג, איז באַשטאַנען צום גרעסטן טייל פון געדוננ־גענע מערדער און כוליגאַנעס. דער אָקטאָבער־מאַניפעסט, די ער־שטע ערנסטע הנהות און די פרוון אריינצופירן די באַוועגונג אין לעגאַלע ראַמען — גיבן צו דער רעגירונג מער פעסטקייט און אַנט־שלאָסנקייט, און זי וואַרפט איר ארויספאָדערונג דער רעוואָלוציע. אָבער די רעגירונגס־מאַכט, ווייזט זיך אַרויס, איז שוין צופיל צע־טרייסלט, כדי אָפּצוהאַלטן אן ענדגילטיקן נצחון; און די כוחות פון דער רעוואָלוציע ווידער זענען נאָך נישט גענוג שטאַרק, כדי צו דערלאַנגען אן ענדגילטיקן קלאַפּ דער רעאַקציע. די דעצעמבער־שלאַכט האָט זיך געענדיקט אזוי צו זאָגן אויף רעמיז: די צע־טרייסלטע רעאַקציע און נאָך נישט איינגעפעסטיקטע רעוואָלו־ציע זענען אוממעכטיק געשטאַנען איינע קעגן דער צווייטער.

802. אינו

## 4. די אַרבעט צווישן נישט יידישן פּראָלע־טאַריאַט, צווישן פויערטום און מיליטער

אין משך פון יענעם פעריאָד האָבן אונזערע אָרטיקע אָרגאַניזאַציעס געפירט אויך אַ לעבהאַפטע טעטיקייט צווישן די קריסט־לעכע אַרבעטער, צווישן פויערטום און צווישן מיליטער. די טע־טיקייט איז באַשטאַנען דער עיקר אין פאַרשפּרייטן אַלגעמיינע און ספּעציעלע פאַר די דאָזיקע סביבות באַשטימטע בלעטלעך און בראָשורן, און אָרגאַניזירן פּראָפּאַגאַנדיסטישע קרייזן און אַגיטאַ־ציע־פאַרזאַמלונגען. אין הסכם מיט די רעזאָלוציעס פון אינזער צוו קאָנפערענץ, האָבן אונזערע אָרטיקע אָרגאַניזאַציעס אויסגעטיילט ספּעציעלע גרופּעס פאַר דער אַרבעט צווישן נישט יידישן פּראָ־לעטאַריאַט; צווישן מיליטער האָבן די אַרבעט געפירט צווישן־פּאַרטייאישע אָרגאַניזאַציעס, פון פאַרשטייער פון אַלע סאָציאַל־דעמאָקראַטישע פּאַרטייען אויף די ערטער.

נישט זעלטן האָבן אונזערע קאָמיטעטן אָנגעפירט מיט עקאָ־נאָמישע שטרייקן פון קריסטלעכע אַרבעטער (קאָוונע, גראָדנע א. א.) *), און אָפט האָבן פויערים זיך געווענדעט צו אונזערע אָרטיקע אָרגאַניזאַציעס נאָך עצות, נאָך בלעטלעך און נאָך רעד־נער, וועלכע זיי האָבן גוט אויסבאַהאַלטן פון פּאָליציי אין אַרום־געפירט פון דאָרף צו דאָרף צוליב אַגיטאַציע אין פּראָפּאַגאַנדע, כדי מען זאָל זיי קלאָר מאַכן פאַרשיידענע פראַגן, וואָס האָבן זיי אינטערעסירט. **)

---

*) „לעצטע נאַכריכטן" נומ. 230, 239 און 241.

**) „לעצטע נאַכריכטן" נומ. 223, 229 און 244 (וויטעבסקער גוב., נאָוואָגראָד-וואָלינסק, ראָוונע).

## 5. דער באַיקאָט פון די וואַלן צו דער ערשטער דומע

סעפּטעמבער-קאָנפערענץ פון די ס"ד אָרגאַניזאַציעס און רעזאָלוציע פון צ. ק. פון „בונד". — אַרגומענטאַציע פון די באַיקאָט-אַנהענגער. — צירקולאַר-בריוו פון צ. ק. פון „בונד" אין יאַנואַר 1906. — רעזאָלוציע פון VII קאָנפערענץ פון „בונד" וועגן באַציונג צו דער דומע. — באַציונג פון „בונד" צו דער דומע נאָכדעם ווי זי איז געוואָרן צונויפגערופן. — דאָס פאַנאַנדעריאָגן די דומע און דער יולי-שטרייק.

אין אַ רייע אויפרופן, וואָס דער צ. ק. האָט אַרויסגעגעבן — צוליבן רעסקריפּט און מאַניפעסט פון 18 פעברואַר, צוליב דער מפּלה פון רוסישן חיל ביי צוסימע, צוליבן אויפנעם פון אַ דעלעגאַציע פון זעמסטוועס און שטעט דורכן צאַר א. א. („צאַרישע חסדים", „ערב רעפאָרמען", „אַ פאָלקס-פאַרטרעטונג אין דעם פאָלק") — האָט זיך דער געדאַנק וועגן באַיקאָטירן די מלוכה-דומע געבעטן ווי פון זיך אַליין. אָבער ווען ס'איז אַרויס דער סטאַטוט וועגן דער דומע האָט מען געמוזט ענדגילטיק לייזן די פראַגע וועגן דער באַציונג צו איר, אַזוי אָדער אַנדערש; און ס'איז אויך נויטיק געווען, אַז די לייזונג זאָל ווי ווייט מעגלעך אָנגענומען ווערן פון אַלע סאָציאַל-דעמאָקראַטישע אָרגאַניזאַציעס פון רוסלאַנד, אַז אין אַזאַ ווירטיקער אָנגעלעגנהייט זאָלן די ס"ד אָרגאַניזאַציעס אַרויסטרעטן ווי איין גאַנצעס. אַלע האָבן שאַרף געפילט די נויטיקייט פון זיך-צונויפרעדן, פון דערגרייכן אַ טאַקטישע איינהייט, און די איניציאַטיוו פון צ. ק. פון „בונד" צו רופן אַ נייע קאָנפערענץ פון די ס"ד אָרגאַניזאַציעס האָט זיך באַגעגנט מיט אַן עַנטוזיאַסטיש... 

די צוזאַמענטרעטונג זענען אַוועק מיט אַ שנעלן טעמפּ. און אַנ־הויב סעפּטעמבער האָט זיך שוין די צווישן־פּאַרטייאישע קאָנפּע־רענץ געקאָנט צונויפקומען. באַטייליקט האָבן זיך אין איר פאָר־שטייער פון ביידע פראַקציעס (מענשעוויקעס און באָלשעוויקעס), פון דער רוסל. פּאַרטיי, פון „בונד", פון דער לעטישער ס"ד, פון דער ס"ד פון פּויקן און ליטע, פון דער רעוואָל. אוקר. פּאַרטיי. די אַרמענישע ס"ד אַרבעטער־פּאַרטיי, וועלכע האָט צו שפּעט באַקומען די מעלדונג וועגן טאָג פון דער קאָנפערענץ, האָט דער־נאָך אויסגעדריקט איר הסכמה צוצוגעבן איר אונטערשריפט אונ־טער די רעזאָלוציעס, וואָס די קאָנפערענץ האָט אָנגענומען.

אַלע אָרגאַניזאַציעס, אַ חוץ דער פראַקציע „מענשעוויקעס", האָבן אָנגענומען אַ מאָטיווירטע רעזאָלוציע וועגן אַקטיוון באָיקאָט פון דער מלוכה־דומע, אַלס גראָבן פאַלסיפיקאַט פון פאָלקס־פאָר־טרעטונג, וואָס דאַרף דינען דער זעלבסטהערשונג, בשותפות מיט דער באַרויקטער בורזשואַזיע, פאַר אַ מיטל וואָס גיבער צו דער־שטיקן די רעוואָלוציע. אין דעם זינען האָט דער צ. ק. פון „בונד" פאַנאַנדערגעשיקט די רעזאָלוציע איבער די אָרגאַניזאַציעס, מען זאָל זי דורכפירן אויף פאַרזאַמלונגען און מיטינגען.

די אָנהענגער פון באָיקאָט האָבן אַזוי מאָטיווירט זייער באַ־ציונג צו דער מלוכה־דומע:

אין די יאַנואַר־טעג און שפּעטער האָט דער פּראָלעטאַריאַט אַנטוויקלט אַ קאָלאָסאַלע רעוואָלוציאָנערע ענערגיע און קראַפט. נאָר אַדאַנק דעם קאַמף פונם פּראָלעטאַריאַט איז די זעלבסטהער־שונג, קעגן איר ווילן, געווען געצווונגען צו גיין אויף הנחות. די רעוואָלוציע ווערט נישט נאָר נישט אָפּגעשוואַכט, נאָר פאַרקערט, זי צעפלאַקערט זיך אַלץ מער מיט יעדן טאָג. די בורזשואַזיע איז מיד, אָנגעשראָקן פון דער רעוואָלוציע, און אין איר שטרעבן צו „אָרדנונג און רו" איז זי גרייט צו באַגנוגענען זיך מיט נעבעכ־דיקע ברעקלעך, מיט דער פּאַראָדיע אויף פּאַרלאַמענטאַריזם וועל־כע די זעלבסטהערשונג וואַרפט איר צו. דערלאָזן, אַז די דומע זאָל זיך רויק צונויפקומען, סאַנקציאָנירן דעם גראָבן פאַלסיפיקאַט

פון פאָלקס־פאַרטרעטונג וואָלט געהייסן — געבן דער זעלבסט־הערשונג, צוזאַמען מיט דער בורזשואַזיע, די מעגלעכקייט צו דערשטיקן וואָס גיכער די רעוואָלוציע, וואָלט געהייסן — אומדירעקט מיטהעלפן, אַז דער פּראָלעטאַריאַט און פּויערטום, די הויפּט־שעפער פון דער רעוואָלוציע, זאָלן נישט באַקומען גאָר נישט. אַזאַ טאַקטיק וואָלט געווען אין דער העכסטער מאָס שעדלעך. עס מאַכט נישט אויס, וואָס דער פּראָלעטאַריאַט האָט גאָר קיין וואַל־רעכט נישט. צי די דומע וועט זיך צונויפקומען צי נישט, סיי ווי אַנטשפּרעכט די טאַקטיק פון אַקטיוון באָיקאָט אַמבעסטן די אינטערעסן פון רעוואָלוציאָנערן פּראָלעטאַריאַט. אויב די דומע וועט נישט צונויפגערופן ווערן, וועט בלייבן די פון אַלעמען פאַרהאַסטע זעלבסטהערשונג, וועלכע איז נישט פעיק אָנצופירן מיטן לאַנד, און נישט איינצושטעלן רו און אָרדנונג. אַזוי ווי די מלחמה און די רעוואָליציע האָבן צעטרייסלט די זעלבסטהערשונג ביז אין אירע יסודות אַריין, וועט איר ווייטערדיקע עקזיסטענץ אומפאַרמיידלעך פירן צו אַ פאָלקס־אויפשטאַנד, וועלכער וועט מיט אַמאָל אַ סוף מאַכן צום אַלטן רעזשים. אויב אָבער די דומע וועט זיך יאָ צונויפקומען, וועט זי אַדאַנק דעם באָיקאָט נישט פאַרמאָגן פאַרן באַוווּסטזיין פון די ברייטע פאָלקס־מאַסן דעם אָרעאָל פון אַן אמתער פאָלקס־פאַרטרעטונג, און אָדער זי וועט זיך פאַרוואַנדלען אין אַ פּשוטן צוגאָב צו דער צערודערטער ביוראָקראַטישער מאַשין, און איר ראָל וועט זיין — נול, אָדער ביים קלענסטן פרווו ווירקלעך צוטרעטן צו רעפאָרמען וועט די רעגירונג תיכף זי פאַנאַנדערטריבן, ווי אַן אינסטיטוציע, וואָס האָט נישט די אונטערשטיצונג פון פאָלק. אַליין וועט בלייבן ביים אַלטן, און די כוחות פון דער רעוואָלוציע וועלן אַדאַנק דעם באָיקאָט נישט שוואַכער ווערן, און נאָר דאָס איז וויכטיק פאַרן רעוואָלוציאָנערן פּראָלעטאַריאַט.

די דאָזיקע געדאַנקען ווערן אויספירלעך אַנטוויקלט אין די לייט־אַרטיקלען אין „דער בונד" נומ. 8 און 9 און אין נומ. 40 „אַרבעטער־שטימע", ווי אויך אין די פריער דערמאָנטע אויפרופן פון צ. ק. פון „בונד" און אין דער רעזאָלוציע פון דער צווישן־

פּאַרטייאישער קאָנפערענץ. די זעלבע געדאַנקען האָט דעמאָלט פּאַרטיידיקט אויך קויטסקי, און אויף זיין אויטאָריטעט האָבן זיך די באָיקאָט־אָנהענגער אָפט פאַרופן.

אויף וויפיל די באָיקאָט־טאַקטיק האָט אַנטשפּראָכן דער דע־מאָלטיקער לאַגע אין רוסלאַנד, ווי ווייט עס זענען געווען ריאַל די געזעלשאַפטלעך־פּסיכאָלאָגישע יסודות, אויף וועלכע די טאַק־טיק האָט באַזירט, — דאָס קען מען זען דערפון, וואָס די ראַדי־קאַלערע שיכטן אינטעליגענץ (למשל, דער באַרימטער דעמאָלט „פאַרבאַנד פון פאַרבאַנדן") האָבן זיך אויך אַרויסגעזאָגט פאַר באָיקאָט, און אַפילו די פירערס פון די שפּעטערדיקע קאַדעטן, יערנפּאָלס אייניקע פון זיי, האָבן זיך ווי פאַרענטפערט, אַז זיי גייען אין דומע נישט כדי זיך פאַרנעמען דאָרטן מיט „אָרגאַני־שער ארבעט", נאָר — כדי אויסנוצן זי אַלס אַגיטאַציאָנס־טריבונע: זיי האָבן געהאַלטן, אַז ס'איז גלייכער „אויפרייסן" די דומע פון אינעווייניק, איידער זי אַראָפּרייסן פון דרויסן מיט דער הילף פון באָיקאָט.

נאָכן דעצעמבער־אויפשטאַנד האָבן די באָיקאָט־אָנהענגער, דער „בונד" בתוכם, נישט געביטן זייער באַציִונג צו דער דומע. אמת, דער פּראָלעטאַריאַט האָט טאַקע געליטן אַ מפּלה אין דע־צעמבער, אָבער דער נצחון פון דער זעלבסטהערשונג, האָבן אַלע געהאַלטן, איז נישט מער ווי אַ פּירוס־נצחון.

אין אַ ציִרקולאַר־בריוו פון 11 (24) יאַנואַר 1906 דעקאַ־מענדירט דער צ. ק. פאַרטצוזעצן די טאַקטיק פון באָיקאָט, נישט געקוקט דערויף וואָס דער געזעץ פון 11 (24) דעצעמבער 1905 האָט אַריינגעטראָגן אין די וואַל־תקנות ענדערונגען, וועלכע פאַר־ברייטערן די וואַל־רעכט. דער צ. ק. האַלט, אַז ענדערן די טאַק־טיק וואָלט מען באַדאַרפט נאָר אין איינעם פון פאָלגנדע פאַלן: אויב ס'וואָלט דערוויזן געוואָרן, 1) אַז מען קאָן די דומע פאַרבייטן אויף אַ גרינדונגס־פאַרזאַמלונג דורך אַן „אויפרייס" פון אינע־ווייניק. 2) אַז דער וועג פון רעוואָלוציאָנערן קאַמף האָט שוין אָפּגעלעבט זיין צייט, און אַז דער וועג צו דער פרייהייט ליגט

נאָך דורך דער דומע. 3) אויב עס וואָלט מעגלעך געווען אויסצו־
נוצן די וואַל־קאַמפּאַניע פאַר ברייטער אַגיטאַציע, פאַר דער אָר־
גאַניזירונג און פּאָליטישער דערציונג פונם פּראָלעטאַריאַט. דאָס
ערשטע און דאָס צווייטע האָלט דער צ. ק. פאַר נישט דערוויזן,
און דאָס דריטע — פאַר אוממעגלעך. צו באָיקאָטירן די צווייטע־
אויפלאַגע־דומע — פון וויטע־דורנאָוואָ — רופט אונזער צ. ק.
אויך אינם בלעטל „נידער מיט דער מלוכה־דומע", אין וועלכן
עס ווערן אַנטוויקלט די זעלבע געדאַנקען, וואָס אין צירקולאַר־
בריוו, נאָר מער אַגיטאַציאָנס־מעסיק.

די פּאַרטיי אונזערע האָט זיך אָבער נישט געקאָנט באַגנו־
גענען מיט צירקולאַר־בריוו און אויפרופן ביים לייזן אַזאַ וויכטיקע
פראַגע. חוץ דעם, האָט זיך סיי ווי געפילט אַ נויטיקייט אונטער־
צופירן אַ געוויסן סך הכל פון שטורמישן יאָר 1905, בפרט אַז
זייט דעם V צוזאַמענפאָר (יוני 1903) איז שוין אריבער מער ווי
צוויי יאָר, און דער VI צוזאַמענפאָר, אָקטאָבער 1905, האָט נישט
באַוויזן צו באַטראַכטן אַפילו אַ העלפט פון זיין טאָג־אָרדנונג,
ווייל עס זענען אָנגעלאָפן די געשעענישן פון די אָקטאָבער־טעג.
אין מערץ 1906 איז זיך צונויפגעקומען די VII קאָנפערענץ פון
אונזער פּאַרטיי. איינע פון אירע הויפּט־אויפגאַבן איז געווען —
לייזן די פראַגע וועגן אונזער טאַקטיק, וועגן אונזער באַציונג צו
דער מלוכה־דומע.

די רעזאָלוציע, וואָס די קאָנפערענץ האָט אָנגענומען מכוח
דער פראַגע, קאָנסטאַטירט, אַז דער גרונט־ווידערשפּרוך, וואָס
האָט געפירט צו דער רעוואָלוציע — דער קעגנזאַץ צווישן די
נייע סאָציאַלע כוחות און דעם פאַרעלטערטן רעזשים — קאָן דורך
דער דומע נישט פאַרעפנטערט ווערן, און זי קומט דעריבער צום
אויספיר, אַז די באָיקאָט־טאַקטיק, ווי אַ מיטל צו „דיסקרעדי־
טירן די דומע אין די אויגן פון דער באַפעלקערונג און מיטהעלפן
דער אַנטוויקלונג פון רעוואָלוציאָנערן גייסט ביי די ברייטע מאַסן,
האָט אַמבעסטן אַנטשפּראָכן און אַנטשפּרעכט איצט די אויפגאַבן

פון פּאָליטישן מאָמענט און די קלאַסן־אינטערעסן פונם פּראָ־לעטאַריאַט״.

אַלע איבעריקע סאָציאַל־דעמאָקראַטישע אָרגאַניזאַציעס, אַחוץ דער פּראַקציע מענשעוויקעס, האָבן זיך אויך אַרויסגעזאָגט פאַר דער טאַקטיק פון באָיקאָט.

די דומע איז געוואָרן צונויפגערופן. אחוץ די קאַדעטן, וועל־כע האָבן אָפּגעהאַלטן אַ גלענצנדן זיג אין די וואַלן, זענען אין דומע אַריין נישט ווייניק עקסטע עלעמענטן, אין געשטאַלט פון „טרודאָוויקעס״ און אומפּאַרטייאישע סאָציאַליסטן, און די וואַלן אויף קאַווקאַז האָבן געבראַכט, לויט אַ באַשלוס פון שטאָקהאָל־מער צוזאַמענפאָר פון דער ר. ס. ד. א. פּ. אַפּריל 1906 *), צו דער בילדונג פון אַ סאָציאַל־דעמאָקראַטישער דומע־פראַקציע.

פון די ערשטע טריט פון איר טעטיקייט האָט די דומע קאָנ־צענטרירט אויף זיך די אויפמערקזאַמקייט פון דער גאַנצער באַ־פעלקערונג פון רוסלאַנד. האָט מען נעמוזט קלאָר מאַכן די באַציונג צו דער דומע, ווי צו אַ שוין עקזיסטירנדיקן פאַקט. און דאָ איז די טאַקטיק פון די מענשעוויקעס געקומען אין אַ קאָנפליקט מיט דער טאַקטיק פון די איבעריקע ס״ד אָרגאַניזאַציעס. די פירער פון די מענשעוויקעס, מיט ח׳ פּלעכאַנאָוון בראַש, זענען נוטה געווען צו דעם געדאַנק, אַז מען דאַרף שטיצן די דומע, אַלס גאַנ־צע. דער „בונד״ און די איבעריקע ס״ד אָרגאַניזאַציעס האָבן גע־האַלטן די אונטערשטיצונג אין אַזאַ פאָרם פאַר נישט דער־לאָזבאַר. אין אונזער פּאַרטיי־פּרעסע ווערט דורכגעפירט דער גע־דאַנק, אַז אין פּרט פון קאָנסטיטוציאָנעלער שעפערישקייט איז די דומע לגמרי אַ מאַכטלאָזע אינסטיטוציע. די קאַדעטן זענען נוטה צו קאָמפּראָמיסן, צו פּשרה־מאַכעריי מיט דער זעלבסטהער־שונג און דערוועקן קאָנסטיטוציאָנעלע אילוזיעס ביי די ברייטע מאַסן; זיי שטערן מיט אַלע מיטלען איינצושטעלן אַ מער ענגער

*) דער באַשלוס איז געווען: זיך באַטייליקן אין די וואַלן, ד. ה. נ י ש ט מער באָיקאָטירן די דומע; אָבער אומעטום אויסער קאַווקאַז, זענען די וואַלן שוין געווען פאַרענדיקט.

צוזאַמענווירקונג צווישן דומע און פאָלק. מיט אַט די קאָנסטי־טוציאָנעלע אילוזיעס מוז מען פירן אַ קאַמף; מען מוז ווייזן, אַז די דומע, אַלס קינד פון דער זעלבסטהערשונג, איז מאַכטלאָז עפּעס צו געבן דעם פאָלק; אַז דער איינציקער וועג צו פרייהייט איז דער וועג פון רעוואָלוציאָנערן קאַמף. און דאָס קאָנען טין נאָר די לינקע עלעמענטן פון דער דומע, מיט זייער אָנטשיידענער טאַקטיק, מיט זייער אוממיטלבאַרע רופן צום פאָלק. אונטערשטיצן דאַרף מען דעריבער נישט די דומע אַלס גאַנצע, נאָר בלויז די לינקע עלעמענטן אירע. אין דעם זינען זאָגט זיך טאַקע ארויס דער צ. ק. פון „בונד" אין אַ צירקולאַר־בריוו צו די אָרגאַניזאַציעס און אין אַ באַריכט צום אינטערנאַציאָנאַלן סאָציאַליסטישן ביוראָ וועגן דער דומע־פראַגע.

באַלד ווי די ערשטע דומע איז געוואָרן פאַנאַנדערגעלאָזט, איז אין פעטערבורג פאָרגעקומען אַ קאָנפערענץ פון פאָרשטייער פון ר. ס. ד. אַ. פּ., „בונד", פאַרטיי ס. ר., פ. פ. ס., ס"ד־פראַקציע אין דומע און דער אַרבעטס־גרופּע („טרודאָוויקעס"). באהאנדלט איז געוואָרן די פראַגע וועגן די לאָזונגען, וואָס דאַרפן איצט אַרויס־גערוקט ווערן, און צי האָט אַ זינען צוצוטרעטן איצט צו אַן אומ־מיטלבאַרן אָפענעם קאַמף, ד. ה. אָרגאַניזירן אַ פאָלקס־אויפ־שטאַנד.

ביי דער ערשטער פראַגע האָט זיך די גרעסטע מערהייט אַרויסגעזאָגט פאַרן לאָזונג „גרינדונגס־פאַרזאַמלונג"; דער לאָזונג פון דער רוס. פאַרטיי „דורך דער דומע צו דער גרינדונגס־פאַר־זאַמלונג" איז נישט אָנגענומען געוואָרן. ביי דער צווייטער פראַגע האָט די זעלבע מעהרהייט תחילת זיך אַרויסגעזאָגט פאַר דער טאַק־טיק פון אָפּוואַרטן. בלויז די פאָרשטייער פון צ. ק. פון דער רוס. ס"ד פאַרטיי האָבן פאָרגעלייגט צו געבן תיכף אַ סיגנאַל צו אַן אַלגעמיינעם שטרייק.

די מיליטער־אויפשטאַנדן, וועלכע האָבן פּונקט אין יענע טעג אויסגעבראָכן אין סוועאַבאָרג, אין רעוועל און אין קראָנ־שטאַט, וועלכע האָבן געטראָגן אַ ריין פאָליטישן כאַראַקטער און

זענען אין א גרויסער מאָס געווען צוגעטרייטע, אָרגאַניזירטע, — האָבן נישט געקאָנט נישט האָבן קיין איינפלוס אויף די אָנטייל־נעמער פון דער קאָנפערענץ; די אומרועען צווישן פּויערטום האָבן דערצו אויך נאָך נישט אויפגעהערט; און דער פּעטערבורגער קאָמיטעט פון דער רוסל. ס"ד פּאַרטיי האָט אפילו נישט אָפּגעוואַרט די רעזולטאַטן פון דער באַראַטונג, און גערופן דעם פּעטערבורגער פּראָלעטאַריאַט צו א שטרייק. די מיינונג פון צ. ק. פון דער רוסל. ס"ד פּאַרטיי האָט אזוי אַרום געזיגט, און די פּאַרשטייער פון די אַלע אויסגערעכנטע פּאַרטייען און פון די צווייַ דומע־פראַקציעס האָבן אונטערגעשריבן די ווענדונג „צום גאַנצן פאָלק", ווו זיי רופן צו אַן אַלגעמיינעם שטרייק.

דער צ. ק. פון אונזער פּאַרטיי האָט פונדעסטוועגן געהאַלטן פאַר נויטיק צו מאָטיווירן אין א צירקולאַר־בריוו פאַר די אָרגאַניזאַציעס, פּאַרוואָס ער איז צוגעשטאַנען צום אַלגעמיינעם באַשלוס פון דער קאָנפערענץ. „געמענדיק אין אַכט — זאָגט זיך אין אָט דעם בריוו — די שטימונג פון די פּראָלעטאַרישע מאַסן אין די שטעט און די איצטיקע לאַגע אין דאָרף, איז שווער ביי אזעלכע באַדינגונגען צו רעכענען אויף דערפאָלגרייכע אויסטרע־טונגען, און דעריבער מוז מען אָנערקענען, אז די אַרויסטרעטונג איז נישט צו דער צייט; אָבער רעכענענדיק זיך דערמיט, אז ס'איז שוין א געשעענער פאַקט, אז כמעט אַלע גרויסע רעוואָלוציאָנערע אָרגאַניזאַציעס פון רוסלאַנד האָבן שוין פּראָקלאַמירט דעם שטרייק, האַלט דער צ. ק. פאַר אוממעגלעך זיך אָפּצוזאָגן פון אָנטייל אין דעם שריט און דערמיט ברעכן די סאָלידאַרימעט און די טאַט־איינהייט פון גאַנצן רוסלענדישן פּראָלעטאַריאַט".

ווי באַקאַנט, האָט זיך דער דאָזיקער שטרייק, באַוווסט אונטערן נאָמען יולי־שטרייק, נישט איינגעגעבן. ווו נישט ווו האָבן אַרבעטער אָנגעהויבן דעם שטרייק, — איז אויסגעקומען אַליין זיי רופן אומצוקערן זיך צו דער אַרבעט.

## 6. דער אָנטייל פון דער סאָציאַל־דעמאָקראַטיע אין די וואַלן צו דער צווייטער דומע

VII צוזאַמענפאָר פון „בונד“ און די אָנגענומענע אויף איס רעזאָלוציע וועגן באַציונג צו דער דומע. — אַלרוסישע נאָ־ וועמבער־קאָנפערענץ און איר רעזאָלוציע וועגן אָפּמאַכן. — וואַל־פּלאַטפאָרם פון „בונד“. — באַטייליקונג פון „בונד“ אין דער וואַל־קאַמפּאַניע.

די רעאַקציע, וואָס האָט זיך אָנגעהויבן נאָכן פאַנאַנדער־ לאָזן פון דער ערשטער דומע, האָט געגעבן אַ שטאַרקן קלאַפּ די רעוואָלוציאָנערע אָרגאַניזאַציעס, און האָט זיי צרויק פאַריאָגט אונטער דער ערד. דאָס לעבן פון דער פאַרטיי איז אויף עטלעכע חדשים אינגאַנצן אָפּגעשטאָרבן. אָבער עס האָט זיך דערנענטערט דער צונויפרוף פון דער צווייטער דומע — און מען האָט באַדאַרפט לייזן די פראַגע: יאָ זיך באַטייליקן אָדער נישט אין דער נייער וואַל־קאַמפּאַניע. אונזער פאַרטיי האָט נאָך חוץ דעם באַדאַרפט אָננעמען אַ באַשלוס וועגן דעם פּראָיעקט, וואָס ס'האָט אויסגע־ אַרבעט דער שטאָקהאָלמער פאַראייניקונגס־צוזאַמענפאָר פון דער ר. ס. ד. א. פּ. וועגן דער פאַראייניקונג מיטן „בונד“.

די דאָזיקע צוויי פראַגן (אונזער טאַקטיק און פאַראייניקונג מיט דער רוסל. פאַרטיי) זענען טאַקע געווען די הויפּט־פּונקטן פון טאָג־אָרדנונג פון VII צוזאַמענפאָר פון „בונד“, וועלכער איז פאָרגעקומען סעפּטעמבער 1906 אין לעמבערג.

פון די 68 דעלעגאַטן מיט באַשטימ־רעכט (אינגאַנצן אָנ־ טיילנעמער איז געווען אַרום 100) זענען געווען קוים אַ 2 — 3 וועלכע האָבן פאַרטיידיקט די פריערדיקע באָיקאָט־טאַקטיק. און די זעלבע ענדערונג אין דער באַציונג צו דער דומע איז פאָר־

געקומען אויך אין אַלע אַנדערע אָרגאַניזאַציעס, וועלכע האָבן די ערשטע וואַלן באָיקאָטירט.

דער פּרווו אַרויסצורופן אַ נייע אַלגעמיינע אַרויסטרעטונג נאָכן פאַנאַנדעריאָגן די דומע — איז דורכגעפאַלן. דער פּראָלע־טאַריאַט איז מיד פון דעם כסדרדיקן רעוואָלוציאָנערן קאַמף אין משך פון יאָר 1905 און איז נאָך נישט גרייט צו נייע רעוואָלוציאָנערע אַרויסטרעטונגען. אַראָפּרייסן די דומע מיט דער הילף פון באָיקאָט האָט זיך נישט איינגעגעבן אַפילו אין פרילינג 1906. נאָך ווייניקער קאָן מען דערויף אויסרעכענען איצט, ווען עס הערשן פעלד־געריכטן און ווייסער טעראָר.

די קורצע עסיע פון ערשטן רוסישן פּאַרלאַמענט האָט באַוויזן, אַז אין אַזאַ איבערגאַנגס־מאָמענט, ווי רוסלאַנד לעבט איבער, קאָן די דומע אויסגענוצט ווערן, אַלס איינציק פרייע פּאָליטישע טריבונע, פון וועלכער מען קאָן זיך ווענדן צום גאַנצן פאָלק; אַז חוץ דעם, קאָן זי דינען פאַר אַן אויסגעצייכנט מיטל צו רעוואָלוציאָניזירן די ברייטע פאָלקס־מאַסן און אָרגאַניזירן זיי פאַר אַ נייעם קאַמף. מורא האָבן פאַר קאָנסטיטוציאָנעלע אילוזיעס איז איצט נישטאָ וואָס. די ערשטע דומע האָט נישט ווייניק מיטגעהאָלפן, אַז די אילוזיעס זאָלן פאַרשווינדן; און דאָס איבעריקע האָט דערמאַכט די רעגירונג גופא מיטן פאַנאַנדעריאָגן די דומע און מיט די שווערע רעפּרעסיעס נאָכן פאַנאַנדעריאָגן.

דאָס איז געווען די אַרגומענטאַציע פון דער מעהרהייט מיטגלידער פון אונזער VII צוזאַמענפאָר. די דאָזיקע אַרגומענטאַציע האָט געפונען איר אויסדרוק אין דער רעזאָלוציע „וועגן טאַקטיק", וועלכע דערלאָזט דעם אָנטייל פון דער סאָציאַל־דעמאָקראַטיע אין די נייע וואַלן, אַלס זעלבסטשטענדיקע פּאַרטיי פון פּראָלעטאַריאַט, וועלכע דאַרף „קעגן די ליבעראַלע רופעניש צו פרידלעכן קאַמף אַרויסרוקן דעם לאָזונג פון רעוואָלוציאָנערן קאַמף פאַר אַ גרינדונגס־פאַרזאַמלונג".

די פראַגע וועגן פאַרייניקן זיך מיט דער רוסל. ס"ד פּאַרטיי האָט אונזער VII צוזאַמענפאָר געלייזט פּאָזיטיוו. די פּוילישע

און די לעטישע סאָציאַל־דעמאָקראַטיעס זענען נאָך פאַר דעם אריינגעטראָטן אין דער רוסל. ס"ד פּאַרטיי; אַזוי איז נאָך אונזער צוזאַמענפּאַר איז די רוסל. סאָצ. דעמאָקראַטיע געווען: אַ פּאַריי־ניקטע און ערשט די פאַראייניקטע פּאַרטיי האָט געזאָלט ענדגיל־טיק און מער קאָנקרעט לייזן די פראַגע וועגן אָנטייל אין די וואַלן. די דאָזיקע פראַגע — דערין אויך וועגן אָפּמאַכן מיט אַנ־דערע פּאַרטייען —- האָט טאַקע פּאַרנומען דעם אויבן אָן אין מצג־אָרדנונג פון דער אַלרוסישער קאָנפערענץ, וועלכע איז צונויפגע־רופן געוואָרן אָנהויב נאָוועמבער 1906 אין טאַמער־פאָרס (פינ־לאַנד).

ביי דער פראַגע, צי זענען דערלאָזבאַר אָדער נישט אָפּמאַכן מיט דער פאַרטיי ק. ד., האָט זיך די קאָנפערענץ צעשפּאָלטן אויף צוויי טיילן. די רעזאָלוציע פון די דעלעגאַטן „באָלשעוויקעס", פּ. ס. ד. און ל. ס. ד. (14 דעלעג.) האָט קוואַליפיצירט די קאַ־דעטן ווי פאַרעטער פון דער פּאָלקס־פרייהייט און דעם עיקר זיי־נען פון סאָציאַל־דעמאָקראַטישן אָנטייל אין די וואַלן האָט זי גע־זען אין — דעמאַסקירן פאַר די פאָלקס־מאַסן די שעדלעכע און נעפערלעכע ראָל, וואָס די קאַדעטן שפּילן אין דער באַפרייונגס־באַוועגונג. די רעזאָלוציע וואַרפט דעריבער אָפּ יעטווידן אָפּמאַך מיט דער פּאַרטיי ק. ד. די רעזאָלוציע פון די דעלעגאַטן „מענ־שעוויקעס" און פון „בונד" (18 דעלעג.) האָט צוגעלאָזן אָפּמאַכן מיט די ק. ד. דאָרט, וווּ עס דראָט אַ שוואַרץ־מאַהדיקע געפאַר. די פאַרטיידיקער פון דער דאָזיקער רעזאָלוציע האָבן אָנגעוויזן דערויף, אַז רעדן וועגן דער רעאַקציאָנערישקייט פונם בירגער־לעכן ליבעראַליזם וואָלט מען געקאָנט ערשט נאָכדעם, ווי זיינע פאָדערונגען וואָלטן כאָטש אין וועלכער ס'נישט איז באַדייטנדי־קער מאָס געווען באַפרידיקט, ד. ה. נאָכן פאַלן פון דער זעלבסט־הערשונג. געוויס, מען דאַרף פירן אַ קאַמף קעגן ד' קאַדעטן, אָבער מען טאָר נישט פאַרבייטן דעם קאַמף מיט דער רעאַקציע אויף קאַמף מיט די קאַדעטן. דער צוזאַמענשטעל פון דער ד':מע האָט אַ גרויסע באַדייטונג פאַרן וויי‌טערדיקן גאַנג פון דער רע־

זאָלוציע — עס זענען דעריבער דערלאָזבאַר אָפּמאַכן אפילו מיט ק. ד., דאָרט ווו אָן אַזעלכע אָפּמאַכן וואָלטן געקאָנט אדורך שוואַרץ־מאַהניקעס.

דורכגעגאַנגען איז די רעזאָלוציע פון די „מענשעוויקעס" און „בונד" — אַז אין די אויבן אָנגעוויזענע פאַלן זענען דערלאָזבאַר אָפּמאַכן מיט די ק. ד.

אין די ראַמען פון די דירעקטיוון, וואָס די קאָנפערענץ האָט אָנגעצייכנט, האָט דער צ. ק. פון „בונד" ארויסגעגעבן זיין וואַל־פּלאַטפאָרם, געווענדעט צו די יידישע ווייַלער. אין קעגנזאַץ צום לאָזונג פון די יידישע קאַדעטן און ציוניסטן פון אַלע קאָלירן: „קלייבט נאָר אַ יידן", — רופט די פּלאַטפאָרם פון „בונד" די יידישע ווייַלער אָפּצוגעבן זייערע שטימען פאַר די קאַנדידאַטן פון קראַטיע, — דער סאַמע אַנטשלאָסענער קאַמף־פּאַרטיי פונם פּראָלעטאַריאַט פון אַלע פעלקער. מיט באַזונדערער ענערגיע ווערט „בונד", וואָס איז אַ טייל פון דער רוסלענדישער סאָציאַל־דעמאָ־אונטערגעשטראָכן, אַז שטימען באַדאַרף מען לויט פּאָליטישע פּלאַטפאָרמעס, לויט פּאַרטייען, אָבער נישט לויט נאַציעס. די ערשטע פראַגע צו אַ קאַנדידאַט באַדאַרף זיין: ווער איז די פּאַר־טיי, צו וועלכער ער געהער, וואָס אירע בליקן פּאַרטיידיקט ער?

נישט אומזיסט אַקצענטירט אַזוי די פּלאַטפאָרם די דאָזיקע זייט פון דער פראַגע.

די רוסישע יידן געניסן נישט פון רעכט צו באַטייליקן זיך אין דער אָרטיקער — שטאָטישער און זעמסקער — זעלבסטפאַר־וואַלטונג. די איינציקע צענטרען פון יידישן געזעלשאַפטלעכן לעבן זענען פאַרשידענע פילאַנטראָפּישע אינסטיטוציעס — קאָמיטעטן צו העלפן קראַנקע און אָרימע, גאָרקיכן א. אַ. וו. און פריער פון אַלץ די סינאַגאָגע, ווי אַ רעליגיעזע געמיינשאַפט. רעדל־פירער אין די אַלע אַנשטאַלטן זענען פאָרשטייער פון דער העכערער יידי־שער בורזשואַזיע און אינטעליגענץ: סוחרים, אינדוסטריעלער, רבנים, אַדוואָקאַטן, דאָקטוירים א. אַ., וועלכע זענען אָפטמאָל דעאַקציאָנערן, אָדער בירגערלעכע ציוניסטן, וועלכע זענען גלייך

דורכגעדרונגען מיט האס צום ארגאניזירטן פראלעטאריאט און צו זיינע פארשטייער.

די וואלן צו דער ערשטער דומע זענען, מחמת דעם באיקאט פון די לינקע, אריבער אויף דער יידישער גאס „שא, שטיל". די רעדל־פירער פון די פילאנטראפישע חברות און סינאגאגעס האבן זיך אליין קאנסטיטואירט אלס וואל־קאמיטעט, האבן אליין אנגעמערקט קאנדידאטן אויף וואל־מענער און אויף דעפוטאטן, און די יידישע וויילער־מאסע האט ווי א פאלגעוודיקע סטאדע געשטימט פאר די קאנדידאטן, וואס מען האט איר אנגעוויזן, נישט פרעגנדיק אפילו וועגן זייער פאליטישן אני מאמין. קיין שום אגיטאציע, קיין שום פארוואל־פארזאמלונגען, קיין שום לאזונגען, אחוץ איינעם: קלייבט א יידן.

דער יידישער וויילער האט געפאדערט, אדער ריכטיקער דערוואַרט פון דער דומע הויפטזעכלעך איינס: גלייכבארעכטיקונג. אבער מיטגלידער פון די וואל־קאמיטעטן זענען כמעט אומעטום געווען פארשטייער פון „פארבאנד צו דערגרייכן פולבארעכטיקונג" *) — איז נישטא, הייסט עס, קיין שום פלאץ פאר חקירות: מילער א. א. וו. א. א. וו.

אויף וועמען די קאמיטעטן ווייזן אן, פאר דעם דארף מען שטימען. דערביי איז די יידישע מאסע דורך טויזנטער מאטעריעלע און גייסטיקע פעדים פארבונדן ענג מיט די רעדל־פירער פון די יידישע קהלות: זיי זענען, ווען מען דארף, די שתדלנים פאר דער העכערער און נידעריקערער מאכט; פון זיי אדער דורך זיי באקומט דער קבצן א סובסידיע אדער א הלואה. אין פאל פון נויט; א גרויסער קאנטינגענט מענטשן איז פון זיי דירעקט ווירטשאפטלעך אפהענגיק — אלס אנגעשטעלטע, ארבעטער, האנדלס־פאר־

אויף אט דעם באדן איז די אינערטקייט פון די נידעריקערע

*) דער דאזיקער פארבאנד האט זיך געבילדעט נאכן ערשטן צוזאמענפאר פון פארשטייער פון די יידישע קהלות אין פאמיי אנהויב 1905.

שיכטן פון דער יידישער מאסע און אירע סטאדע־אייגנשאפטן געווען א גוואלטיקע.

צעקלאפן אט די קראפט, וואס האט זיך אנגעקליבן שיר־נישט אין משך פון יארהונדערטן, אריינציען די „יידישע גאס" אין אמתן פאליטישן קאמף — דאס איז געווען די עיקרדיקע און שווערסטע אויפגאבע פון „בונד", וועלכער האט צום ערשטן מאל גענומען איצט אן אקטיוון אנטייל אין א וואל־קאמף. און אין דעם פרט — לאמיר דאס גלייך זאגן — האט דער „בונד" דערגרייכט א גלענצנדן, אפילו פאר א סך פון אונזערע חברים גופא אומדערוואַרטעטן דערפאלג.

די פיינטלעכע כוחות און מניעות, מיט וועלכע אונזער פאר־טיי האט זיך צונויפגעשטויסן אין דער וואל־קאמפאניע, זענען גע־ווען די סאמע פארשידנסטע; און אייניקע מניעות — סענאטישע קאסאציעס, פאליצייאישע רעפרעסיעס, שווארץ־מאהדיקער כילי־גאניזם — האבן אונז געטראפן טאפלט, ווי א יידישע פארטיי בכלל, און בפרט און גאר באזונדער ווי א פארטיי פון יידישן פראלעטאריאט, דערצו נאך אן אומלעגאלע. די סענאטישע „דערקלערונגען" האבן אפט אפגענומען די וואל־רעכט ביי יידישע ארבעטער דורך אלערליי דריידלעך או זאויסטייטשונגען. אלס אר־בעטער זענען א סך פון אונזערע חברים נישט פארשריבן גע־ווארן אין דער קאטעגאריע לאקאטארן, אבער באטייליקן זיך אין די וואלן ווי מיטגלידער פון דער ארבעטער־קוריע האבן זיי אויך נישט געקאנט, ווייל זיי זענען געווען באשעפטיקט אין ווארש־שטאטן מיט ווייניקער פון 50 לוין־ארבעטער. אזוי, למשל, זע־נען אין איין סמארגאן (ווילנער גוב.) 500 יידישע ארבעטער גע־בליבן אינגאנצן אן וואל־רעכט *). אונזערע וואל־ביוראס, אויפ־געשטעלטע מיט אומגלויבלעכע שוועריקייטן, האט מען נישט זעלטן ארעסטירט אין פולן באשטאנד; נאך אפטער פלעגט מען ארויסרייסן די בעסטע אגיטאטארן. דערצו איז נאך צוגעקומען דער שווארץ־מאהדיקער טעראר און די צעיושעטקייט פון אונ־

*) „פאלקסצייטונג" נום. 261 „די ערשטע ידיעות".

זערע פּאָליטישע שונאים, וועלכע האָבן זיך נישט אָפּגעשטעלט פאַר קיין זאַך אין זייער קאַמף מיט אונזערע פּאַרטיי־קאַנדידאַטן, אַפילו נישט פאַר מסירות ביי דער מאַכט.

די ציוניסטן, וועלכע האָבן געקראָגן אַ טויט־קלאַפּ בעת דער לעצטער וואַל־קאַמפּאַניע, האָבן פאַרפולט די שפּאַלטן פון זייערע צייטונגען מיט ליגנס און בלבולים אויפן אַדרעס פון „בונד". דער „בונד" האָט כלומרשט איינגעפּלאַנצט אויף דער יידישער גאַס פויסט־רעכט, ער האָט איינגעשטעלט די הערשאַפט פון רעוואָלווער און שטעקן, ער האָט רואינירט דאָס יידישע קליינבירגערטום; אַרויסגערופן די פּאָגראָמען; „בונד" איז אַ פּאַרטיי פון אַסימילאַטאָרן, וועלכע ווילן שיר נישט אָפּשמדן די יידן; „בונד" איז אַ פרעמדער אויף דער יידישער גאַס, וואָרום ער איז אַ טייל פון דער רוסישער פּאַרטיי, איר אַגענט און דינער, און ער קער זיך גאָר נישט אָן מיט יידן. פון די שפּאַלטן פון די צייטונגען איז די דאָזיקע אַגיטאַציע, אין אַ גראָבער צומאָל ווילדער פאָרם, אַריבער אין די וואַל־אויפרופן פון די „יידישע קאָמיטעטן", וועלכע האָבן געשאָטן פעך און שוועבל און כמעט אומעטום זיך אָפּגעזאָגט פון אָפּמאַכן מיט אונזערע וואַל־ביוראָס, — האָט די צעברעקלונג פון די יידישע וויילער־שטימער געמעגט דראָען אַפילו מיט דער סכנה, אַז ס'זאָלן דורכגיין רעאַקציאָנערן, ווי דאָס איז געווען, למשל, אין ווילנע. אייניקע ציוניסטן האָבן אָפן געפּרידיקט: בעסער אַ נישט־ייד אַ רעאַקציאָנער, איידער אַ ייד אַן אַסימילאַטאָר (ד. ה. אַ בונדיסט). די רעדל־פירער פון די קהלות האָבן זיך נישט אָפּגעשטעלט אויך פאַר דירעקטע דראָאונגען: דער יידישער אָרימקייט האָט מען געדראָט, אַז זי וועט נישט קריגן קיין סובסידיעס און קיין הלואות, מען וועט זיך פאַר איר נישט אָננעמען, אויב גאָר זי וועט שטימען פאַר אַ קאַנדידאַט אַ בונדיסט.

אונזערע וואַל־ביוראָס איז אויף אַזאַ אופן אויסגעקומען צו אַרבעטן אין אַן אַטמאָספער, וועלכע איז געווען אָנגעזאַפּט מיט ליגנס, בלבולים, פּראָוואָקאַציעס און דראָאונגען און אונטער דער געפאַר יעדע מינוט אַרעסטירט צו ווערן. און נישט געקוקט אויף

דעם אַלעם, האָט מען אונזערע אויפרופן געריסן פון די הענט,
און צו די רייד פון אונזערע אַגיטאַטאָרן האָט מען זיך צוגעהערט
מיט געשפּאַנטער אויפמערקזאַמקייט און אינטערעס. די מיטגלי־
דער פון אונזערע ביוראָס זענען געגאַנגען פון הויז צו הויז, פון
דירה צו דירה, האָבן געטיילט די בלעטלעך און אויפרופן, האָבן
רעגיסטרירט די וויילער, און אומעטום, אין די קוואַרטאַלן פון
דער יידישער אָרימקייט, האָט מען זיי פריינטלעך באַגעגנט, גערן
אויסגעהערט און פאַרשטאַנען מיט אָן אַ שיעור פראַגן. דער היי־
זער־באַזוך האָט זיך נישט זעלטן פאַרוואַנדלט אין אַ רייע קליי־
נע אימפּראָוויזירטע פאַרזאַמלונגען. אין דער זעלבער צייט פלעגן
אונזערע רעדנער אַרויסטרעטן אין די סינאַגאָגעס, אויף די פּריי־
וואַטע און געזעלשאַפטלעכע פאַרזאַמלונגען, וואָס די יידישע וואַל־
קאָמיטעטן פלעגן רופן. און דאָ פלעגן אָפט „נסים" געשען. אויפ־
געוועקט דורך אונזער אַגיטאַציע, האָט די יידישע וויילער־מאַסע
גענומען פאָדערן, מען זאָל אָרגאַניזירן פאַרזאַמלונגען מיט אָפע־
נע דיסקוסיעס צווישן די קאַנדידאַטן. די קאָכלעפל פון די יידי־
שע קהלות האָבן, מיט אַ שווער האַרץ, געמוזט רופן פאַרזאַמלונ־
גען, אַרויסטרעטן עפנטלעך. און אויף דער אָפענער טריבונע האָבן
זיי, געוויינטע אָפּצוטון אַלע זייערע ענינים בחדרי חדרים, געליטן
כמעט אַלע מאָל מפּלות. אונזערע רעדנער האָט מען באַגעגנט מיט
רוישנדע אַפּלאָדיסמענטן. די רעזאָלוציעס, וואָס זיי האָבן פאָר־
געלייגט, פלעגן באַקומען די גרעסטע מערהייט שטימען. אונזערע
רעדנער האָבן בולט אויסגעדריקט דעם פאַרבאָרגענעם פּראָטעסט,
וואָס האָט יאָרן זיך געצייטיקט אין דער נשמה פונם יידישן אָריי־
מאַן קעגן דער אומבאַגרעניצטער נישט קאָנטראָלירטער ממשלה
פון די קהלשע קאָכלעפל; די רעדעס האָבן געטראָפן אין פינטל
און האָבן געמאַכט אַן אמתע איבערקערעניש אין קאָפּ און אין
האַרצן פון דער יידישער דעמאָקראַטיע. „גענוג"! האָט אַן אַנ־
דער קליינהענדלער צי האַנטווערקער געוואָרפן אין פּנים אַריין
די דאָזיקע רעדל־פירער, און האָט דעמאָנסטראַטיוו געטראָגן זיין
צעטל מיטן אויפגעשריבענעם נאָמען פונם קאַנדידאַט פון אונ־

זער פארטיי: „געהט זייט איר אויף אונז געפארן רייטנדיק. מיר'ן פרובירן לעבן מיט אייגענעם שכל".

מיר האבן שוין אנגעוויזן, אז די רעפרעסיעס פון דער רע־גירונג און פון דער שווארצער מאה האבן אונז געשלאגן פון צוויי זייטן. לאמיר נאך צוגעבן, אז א גרויסע מערהייט פון אונ־זערע אקטיווע פארטיי־מיטגלידער האט נישט געהאט קיין וואל־רעכט, ווייל זיי זענען נאך נישט אלט געווען קיין 25 יאר. אין אויב דעם „בונד" הא זיך פונדעסטוועגן איינגעגעבן דורכצופירן פון 30 ביז 40 וואלמענער, איז עס נאר אדאנק דעם, וואס ער האט אריבערגעצויגן אויף זיין זייט ברייטע שיכטן פון דער יידישער דעמאקראטיע — פון דער זעלבער קליינבירגערלעכער מאסע, וועלכע האט בעת די פאריקע וואלן אין שום וואקלעניש געשטימט פאר די קאנדידאטן פון די יידישע קאמיטעטן.

די יידן האט זיך בכלל נישט איינגעגעבן דורכצופירן אין דער צווייטער דומע זייערע דעפוטאטן (ווי באקאנט, זענען זיי געווען אין דומע ס"ה 3 מאן). די סיבות זענען באוווסט. ס'איז געגאנגען צו דערמאנען, אז אחוץ דער פוילישער קאלא, וועלכע האט געפירט די וואל־קאמפאניע אונטערן לאזונג „נאר נישט קיין יידן", האט אין יידישן תחום נאך באזונדער אינטענסיוו געאר־בעט דער „פארבאנד פון עכט־רוסישע לייט". קרושעוואן, פורישקעוויטש, קרופענסקי, ביסקופ פלאטאן און אנד. — דאס זענען אלץ דעפוטאטן פון יידישן תחום. און ווען ערב די סאמע וואלן האט זיך ארויסגעוויזן, אז אין די גובערניעס: קאוונע, גראדנע, סוואלק, וויטעבסק און קורלאנד האבן די בונדישע קאנדידאטן גרויסע שאנסן אדורכצוגיין אלס דעפוטאטן, — האט מען זיי אין שום צערעמאניעס אויסגעשטראכן פון די וואל־ליסטעס, און איינעם פון זיי האט מען אפילו ארעסטירט.

עס וואלט אבער געווען א טעות צו מעסטן די באדייטונג און די דערפאלגן פון אונזער פארטיי מיט דער צאל דעפוטאטישע ערטער אין דומע. די עיקרדיקע אויפגאבע פון „בונד" איז געווען — געבן דער וואל־קאמפאניע א געהעריקע ריכטונג, א ריכטונג

פון אָפענעם פּאָליטישן קאַמף, צעקלאַפּן די פּאָליטישע אײנערט־
קײט פון די ברײטע יידישע מאַסן, קלאָר מאַכן פאַר זײ די אמתע
פּאָליטישע פיזיאָגנאָמיע פון די רעדל־פירער פון די יידישע קהלות,
אָראָפּרײסן פון זײ די מאַסקע. און אין דער הינזיכט איז די אַר־
בעט פון „בונד" געווען אַ קאָלאָסאַלע, און איר דערפאָלג האָט
איבערגעשטיגן אַלע דערוואַרטונגען. דער „בונד" האָט ווירקלעך
ארײנגעצויגן די יידישע גאַס אין געווירבל פון פּאָליטישן לעבן;
ער האָט צעקלאַפּט די לעגענדע וועגן אינטערעסן־אײנהײט פון
גאַנצן יידנטום; ער האָט דערלאַנגט אַ טויט־קלאַפּ דער ממשלה
פון דער סינאַגאָגע, פאַרשטײענדיק אונטער „סינאַגאָגע" דעם
גאַנצן פאַרוויקלטן קאָמפּלעקס פונם אינערלעכן טראַדיציאָנעלן
לעבן פון דער יידישער קהלה. דער ציוניזם פון אַלע מינים איז
ארויס פון וואַל־קאַמף נאָך מער צעבראָכן, ווי ער איז אין אים
ארײנגעטראָטן; די יידישע בירגערלעכע דעמאָקראַטיע האָט נע־
קראָגן אַ שטאַרקן אימפּולס וואָס גיכער צו אָרגאַניזירן זיך פּאָ־
ליטיש. אָט צו דעם אַלעם האָט נישט ווײניק מיטגעהאָלפן דער
אָנטײל פון אונזער פּאַרטײ אינם וואַל־קאַמף.

## 7. פּאָגראָמען און זעלבשוץ

אחוץ די געוויינלעכע מיטלען פון קאמף מיט דער רעוואָלוציאָנערער באַוועגונג, ווערט פון אָנהויב 900־טער יאָרן באַנייט פון דער רוסישער רעגירונג, מיט אַ באַזונדערער אכזריות איר אַלטע פּאָליטיק פון יידישע פּאָגראָמען, ווי אַ מיטל ספּעציעל קעגן דער וואָס ווייטער אַלץ שטאַרקערער באַוועגונג פון יידישן פּראָלעטאַריאַט. מיט דער פּאָגראָם־טאַקטיק האָט די רעגירונג געוואָלט דערגרייכן צוויי צילן. פון איין זייט האָבן די פּאָגראָמען געזאָלט דינען אַלס אָפּפיר־קאַנאַל פאַר דער אַלץ וואַקסנדיקער רעוואָלוציאָנערער באַוועגונג צווישן פויערטום און צווישן די שטאָ־טישע קליינבירגער, וואָס זענען נאָענט צום פויערטום לויט זייער סאָציאַלן און פּאָליטישן ניוואָ. אין דער הינזיכט זענען פּאָגראָמען געווען אַן אָרגאַנישער טייל פון דער שטענדיקער פּאָליטיק פון דער רוסישער זעלבסטהערשונג, — אַ פּאָליטיק פון אָנדייצן איין פאָלק אויפן צווייטן. פון דער אַנדערער זייט האָבן די פּאָגראָמען געדאַרפט טעראָריזירן די יידישע באַפעלקערונג פון תחום, זי צווינגען אונטער דער דראָאונג פון מאָרד און רואין, אַרויסגעבן דער מאַכט אירע „דעמאָקראַטן"; און זיי האָבן, ענדלעך, געהאַט נאָך אַ דירעקטן ציל — פּשוט פיזיש אויסראָטן די דעמאָקראַטן. אין דעם זינען האָט טאַקע געגעבן אַ לאָזונג דער אינספּיראַטאָר און אָרגאַניזאַטאָר פון די פּאָגראָמען פּלעווע, וועלכער האָט אין אַ רעדע פאַר אַ דעפּוטאַציע פון קישינעווער יידן אָפן געמאָלדן: „אויב איר וועט נישט איינשטילן אייערע דעמאָקראַטן, וועל איך אומדערטרעגלעך מאַכן אייער לעבן".

נאָך די רעוועלאַציעס פון געוועזענעם וויצע־מיניסטער פון אינערן פירשט א ו ר ו ס אָ ו, אין דער ערשטער דומע, נאָך קורסק

און טאָמסק, נאָך ביאַליסטאָק און שעדלעץ *), איז דער קאָנטר־רעוואָלוציאָנערער כאַראַקטער פון די פּאָגראָמען קלאָר געוואָרן פאַר אַלעמען. אָבער ווייט נישט אַזוי קלאָר איז דאָס געווען נאָכן קישינעווער פּאָגראָם פון אַפּריל 1903 און אפילו נאָכן האָמלער פּאָגראָם, אין הארבסט דאָס זעלבע יאָר, ווען די רעגירונג האָט פאַרט געקאָנט זיך באַהאַלטן אונטער דער שירעם פון פאָלקס־צאָרן קעגן די מעשים פון די רעוואָלוציאָנערן־יידן. אין קישינעווער און טיילווייז אין האָמלער פּאָגראָם האָבן פּאָליציי און מיליטער געשפּילט בלויז אַ פּאַסיווע ראָל: זיי האָבן נישט געשטערט די פּאָגראָמשטשיקעס. — די הויפּט־אַקטיווע פיגור איז געווען דער אונטערגעקויפטער דורך רעגירונגס־אַגענטן המון, וועלכער איז צעווילדעוועט געוואָרן אין פּראָצעס גופא פון פּאָגראָם, צו וועלכן די מאַכט האָט געהעצט.

אונזער פּאַרטיי, אין פּערזאָן פון אירע צענטראַלע אינסטאַנצן און פון דער פּאַרטיי־פּרעסע, האָט פון אָנהייב אָן, באַלד נאָך קישינעוו, אָפּגעשאַצט די באַדייטונג פון די פּאָגראָמען, ווי קאָנטר־רעוואָלוציאָנערע פּאָליטיק מצד דער רעגירונג, און פון דעם שטאַנדפּונקט האָט זי איינגעשטעלט איר באַציונג צו זיי.

די רעזאָלוציע פון V צוזאַמענפאָר פון „בונד", וועלכע רופט די אָרטיקע אָרגאַניזאַציעס „אָננעמען אַלע מיטלען, אימשטאַנד צו זיין ביי די ערשטע סימנים פון אַ פּאָגראָם צו אָרגאַניזירן אַ „באַוואָפנטן ווידערשטאַנד", ווייזט גלייכצייטיק אָן אויף דער נויטיקייט „צו קעמפן ענערגיש קעגן די פרחון פון די נאַציאָנאַליסטישע עלעמענטן פון דער יידישער געזעלשאַפט אויסצונוצן דעם קישינעווער פּאָגראָם אויף צו דערוועקן האַס צוויש: יידישע און קריסטלעכע אַרבעטער", און זי שטרייכט אונטער דעם געדאַנק, אַז „נאָר דער געמיינזאַמער קאַמף פון די פּראָלעטאַריער פון אַלע

---

*) זע יעני ראַפּאָרט פון געוועז. דירעקטאָר פון פּאָליציי־דעפּאַרטאַמענט לאָפּוכין און פון זשאַנדאַרן־ראָטמיסטר פּיעטוכאָוו.

נאציעס וועט מיטן ווארצל פארניכטן די באדינגונגען, וועלכע רופן ארויס אזעלכע געשעענישן, ווי די קישינעווער*).

דער צוזאמענפאר, אויף וועלכן ס'איז אנגענומען געווארן אט די רעזאלוציע, איז פארגעקומען אין יוני 1903. און אנהויב הארבסט דאס זעלבע יאר, בסך הכל אין 3 חדשים ארום, איז אויסגעבראכן דער פאגראם אין האמעל, וועלכער האט זיך אנגעשטויסן אויפן ענערגישסטן באוואפנטן ווידערשטאנד מצד דער זעלבסטשוץ, וואס אונזער האמלער קאמיטעט האט דאן צום ערשטן מאל געהאט ארגאניזירט.

אחוץ, וואס די זעלבסטשוץ האט געראטעוועט דאס לעבן און דאס פארמעגן נישט פון איין מאה ארימע יידן, האט דער פאקט פון א באוואפנטן ארויסטריט קעגן די רויבער געהאט א קאלאסאלע באדייטונג נאך אין א סך אנדערע, נישט ווייניקער וויכטיקע הינזיכטן. די ערשטע שאסן מצד דער זעלבסטשוץ האבן ארויסגערופן א מהומה צווישן די רויבער, און זיי זענען זיך צעלאפן. עס איז געווארן קלאר, אז אויף די גאסן פון האמעל ווילדעוועט נישט דאס „רוסישע פאלק", וואס איז כלומרשט אויפגעבראכט קעגן די מעשים פון די יידן־רעוואלוציאנערן, — נאר א קליינער המון פינסטערע אונטערגעקויפטע רויבער, וואס זיי האט זיי פארזיכערט, אז „דאס געשעפט לוינט זיך", ווייל ס'איז לחלוטין אומגעפערלעך. דער ארויסטריט פון דער זעלבסטשוץ האט, ווייטער, געצוואונגען די פאליציי און מיליטער צו פארלאזן די ראל פון פשוטע צושויער און זיך געמען באשיצן די רויבער, ארויסגעבנדיק דערמיט דעם אמתן אינספיראטאר און ארגאניזאטאר פון די יידישע פאגראמען. דער פאקט פון אפענעם ארויסטריט פון דער זעלבסטשוץ האט לסוף אויך באוויזן, מיט מעשים, אז דער געדאנק וועגן באוואפנטן קאמף מיט פאגראמען איז נישט קיין אויסטראכטעניש, נאר א רעאלע זאך, דורכאויס א מעגלעכע ביי די דאמאלטיקע באדינגונגען. און דאס האט גע־

*) V צוזאמענפאר פון „בונד", לאנדאן, 1903.

מאכט אן אמתע איבערקערעניש אין די מוחות פון דער גאנצער יידישער באפעלקערונג.

נאך האמעל ווערט די אידייע פון זעלבסטשוץ שטארק פאפולער. עס כאפן זיך פאר איר די בירגערלעך־נאציאנאליסטישע עלעמענטן פון יידנטום און קודם כל די ציוניסטן פון אלע שאטירונגען. אבער ביי זיי אין מויל באקומט די אידייע פון זעלבסטשוץ א ספעציפיש־נאציאנאליסטישן קאלאריט; זי ווערט אינגאנצן פארקריפלט און באקומט א פאלשע, און דערביי זייער א שעדלעכע און געפערלעכע ווענדונג. לאזנדיק אין א זייט דעם הויפט־שולדיקן אין די פאגראמען. די רוסישע זעלבסטהערשונג, ווארפן זיי זיך מיטן גאנצן געוויכט פון זייער ארגומענטאציע אויף די רוסישע פאלקס־מאסן, וועלכע זענען „אנטיסעמיטיש לויט זייער עצם", שיר נישט פון דער נאטור אויס. עס לאזן זיך הערן קולות וועגן ארגאניזירן א „נאציאנאלע זעלבסטשוץ", וואס אין איר באשטאנד זאלן אריינגיין אלע, אן אונטערשיד, יידישע פארטייען.

דער „בונד" טרעט שארף ארויס קעגן אט דער נאציאנאליסטישער פראפאגאנדע. אין איר מינדלעכער און שריפטלעכער אגיטאציע שטרייכט אונזער פארטיי אונטער דעם געדאנק, אז מיט די פאגראמען, ווי מיט קאנטער־רעוואלוציע, דארף און קאן פירן א דערפאלגרייכן קאמף נאר דער רעוואלוציאנערער יידישער פראלעטאריאט, צוזאמען מיט די פראלעטאריער פון אנדערע פעלקער. צו דעם דאזיקן קאמף פון יידישן פראלעטאריאט קאנען, נאטירלעך, צושטיין אויך אנדערע יידישע ארגאניזאציעס, אבער זיי קאנען מיט דערפאלג ארבעטן נאר אונטער זיין קאנטראל און אנפירונג *). אויפן פינסטערן המון, וואס ווערט פארפירט דורך די אגענטן פון דער זעלבסטהערשונג, דארף מען קודם כל זיך פרווון ווירקן מיטן רעוואלוציאנערן ווארט. און נאר ווען דאס דאזיקע ווארט ווירקט נישט, נאר אין אט דעם עקסטן פאל דארף

*) „זעלבסטשוץ און רעוואלוציאנערער קאמף", „דער בונד" נומ. 7.

מען זיך באַנוצן מיט באַוואָפנטן ווידערשטאַנד *). די יידישע באַפעלקערונג דאַרף פאַרשטיין, אַז דער איינציקער וויר־קלעכער מיטל קעגן פּאָגראָמען איז — רעוואָלוציאָנערער קאַמף פון די ברייטע פאָלקס־מאַסן, אַז נאָר אַזאַ קאַמף קאָן מיטן וואָרצל פאַר־ניכטן די סיבה גופא פון די פּאָגראָמען **).

אין משך פון אונזער באַריכט־פּעריאָד האָט די כוואַליע פון פּאָגראָמען און פּאָגראָם־אַגיטאַציע מיט באַזונדערער קראַפט זיך געהויבן פיר מאָל: האַרבסט 1904, פעברואַר 1905, דערנאָך פרי־לינג און האַרבסט פון זעלבן יאָר. און מיר וועלן זען אַ מערקוויר־דיקע געזעצמעסיקייט — ווי די פּאָגראָם־כוואַליע הויבט זיך אַלע מאָל גלייכצייטיק מיט אַ כוואַליע פון דער רעוואָלוציע, סיי אין גאַנצן לאַנד, סיי ספּעציעל אין ראַיאָן פון „בונד". די שייכות צווישן דער רעוואָלוציע און די פּאָגראָמען רייסט ממש די אויגן, און מען קאָן אָן שום גוזמא זאָגן, אַז אין משך פון באַריכט־פּער־יאָד זענען די פּאָגראָמען געווען ווי אַן אמתער באַראָמעטער פון דער רעוואָלוציע, וואָס האָט ריכטיק נאָטירט סיי די מאָמענטן פון אויפשוואונג, סיי — פון ירידה. נאָר איידער מיר וועלן אי־בערגיין באַשרייבן די פּאָגראָם־באַוועגונג און דעם קאַמף פונם יידישן פּראָלעטאַריאַט מיט די פּאָגראָמען, דאַרפן מיר פאַרצייכע־נען נאָך אַ כאַראַקטעריסטישן שטריך פון דער יידישער אַרבע־טער־באַוועגונג, — וואָס איז פאַרבונדן מיט דער סאָציאַלער לאַ־גע פון די רוסישע יידן בכלל און פון רוסיש־יידישן פּראָלעטאַריאַט בפרט. אחוץ עטלעכע גרויסע שטעט, ווי וואַרשע, לאָדז, ביאַליס־טאָק און אַנד., וווּ יידישע אַרבעטער איז פאַראַן אין די טויזנ־טער, איז דער יידישער פּראָלעטאַריאַט הויפּטזעכלעך אַ האַנט־ווערקערשער — צעשפּרייט איבער אַלע שטעט און שטעטלעך

*) „פּאָגראָמען און מאָביליזאַציע" (אויפרוף פון צ. ק.) נאָ־וועמבער 1904.

**) „פּאָגראָם אָדער קאָנטר־רעוואָלוציע" אויפרוף פון צ. ק. וועגן זשיטאָמירער פּאָגראָם) מאַי, 1905.

פונם מערב-קאנט. נישטא די שטאט אדער שטעטל אין „תחום", וווּ איר זאָלט נישט קאָנען אָנצייַלן עטלעכע הונדערט אָדער כאָטש עטלעכע צענדליק יידישע האַנטווערק־אַרבעטער. און ווו נאָר עט־לעכע צענדליק יידישע אַרבעטער, דאָרט איז כמעט אויף זיכער פאַראַן אַ בונדישע אָרגאַניזאַציע. אין מאָמענטן פון רעוואָלוציאָ־נערן אויפשוווּנג האָט דעריבער די באַוועגונג פון יידישן פּראָלע־טאַריאַט — וועלכער איז לערך מער אָרגאַניזירט און קאָנסאָלי־דירט — גאָר אַ גרויסן פאַרנעם, זי כאַפּט גלייך אַרום אַלע שטאָ־טישע ישובים פון ליטע, פּוילן און דרום-מערב־רוסלאַנד און ציט אַריין אין אַלגעמיינעם שטראָם די סאַמע פאַרוואָרפנסטע, סאַמע אָפּגעשטאַנענסטע ווינקעלעך פון יידישן תחום. אין דעם איז די קראַפט פון דער יידישער אַרבעטער־באַוועגונג, אָבער אין דעם באַשטייט אויך — און איז באַשטאַנען באַזונדער ביז די אָקטאָ־בער־טעג פון 1905 — אין אַ געוויסן זינען די טראַגישע זייט אירע. צווישן די מיליאָניקע מאַסן אומבאַוווּסטזיניקע פויערים און מער אָפּגעשטאַנענע שיכטן קריסטלעכע אַרבעטער האָט די באַ־וועגונג פון יידישן פּראָלעטאַריאַט באַלד באַקומען — און באַ־קומט צום טייל נאָך ביז היינט — אַ ספּעציפישע נאַציאָנאַלע באַפאַרבונג. די געשרייען פון די רעגירונג־אַגענטן און פון די שוואַרץ־מאַהאָניקעס: „די רעוואָלוציע מאַכן יידן" באַקומען אויף אַזאַ אופן אַ געוויסע שיין פון אמת.

אַזאַ מאָמענט פון רעוואָלוציאָנערן אויפשוווּנג, וואָס האָט מיט אַמאָל פאַרכאַפּט דעם גאַנצן ראַיאָן פון „בונד", זעען מיר אָנהויב הארבסט 1904, אין צוזאַמענהאַנג מיט דער הריגה אין ביאַליסטאָק *).

איינע פון די ערשטע דעמאָנסטראַציעס, נאָך דער ביאַליס־טאָקער הריגה, איז פאָרגעקומען אין מאָהילעוו. אויף דער נאַכט, דעם זעלבן טאָג בייַם אַרעסטירן עטלעכע פערזאָן, פאַרדעכטיקע אין דער דעמאָנסטראַציע, האָט דער פּאָליצמייסטער דערקלערט, אַז אויב עס וועט פאָרקומען אַ פּאָגראָם, וועט ער

*) זע פריער: „הארבסט 1904".

אַפילו מיט אַ פינגער נישט אַ ריר טון אויף אים אָפּצושטעלן: זאָלן, הייסט עס, די דעמאָקראַטן וויסן, ווי צו מאַכן דעמאָנסטראַציעס.

דער מאָהילעווער פּאָליצמייסטער האָט געהאַלטן וואָרט. דעם 22 אָקטאָבער האַלט ער אַ רעדע פאַר צונויפגעפאָרענע רעזערוויסטן און באַווייזט זיי די נייטיקייט פון אָנברעכן די ביינער די „דעמאָקראַטן", ד. ה. די יינגע יידן. דעם זעלבן אָוונט הויבט מען אָן ברעכן שויבן אין יידישע הייזער, און אויפן צווייטן טאָג איז שוין אַן אמתער פּאָגראָם — מיט מאָרדן, מיט ראַבירן און פאַרניכטן יידיש פאַרמעגן, דער עיקר, נאַטירלעך, פון דער אָרעמקייט. צווישן די רויבער זענען די מערהייט נישט רעזערוויסטן און נישט זיי פירן אָן, — זיי זענען געווען בלויז אַ שירמע, — נאָר די מערהייט זענען אָרטיקע כוליגאַנעס, שפּיאָנען און איבערגעטוענע פּאָליציאַנטן. דער פּאָגראָם קומט פאָר אויף די אויגן פון מאַכט־פאָרשטייער, וועלכע פאָרן אַרום איבער דער שטאָט און זענען פאַרנומען דערמיט, וואָס זיי שטעלן אָפּ יידן, מאַכן ביי זיי רעוויזיעס און אַרעסטירן און שלאָגן די, ביי וועמען זיי געפינען רעוואָלווערן. צווישן די זעלטענע אויסרופן „שלאָגט די זשידעס" הערן זיך אַלץ אָפטער און העכער די אויסגעשרייען „שלאָגט די דעמאָקראַטן", און פּאָליציאַנטן ווייזן דערביי גלייך אָן אויף זייערע דירות.

כדי דורכצופירן אַן אויספאָרשונג אויפן אָרט, קומען צופאָרן פון פּעטערבורג דער דאַמאָלטיקער וויצע־מיניסטער פון אינערן ריידזעווסקי און דער וויצע־דירעקטאָר באָגאָסלאָווסקי, פאָרשטייער פון דער מאָהילעווער יידישער קהלה דערלאַנגען זיי אַ מעמאָריאַל, אין וועלכן אַ גאַנצע רייע עדות־זאָגער באַשטעטיקן, אַז פּאָליציי האָט צוגעגרייט און אָרגאַניזירט דעם פּאָגראָם. אָבער באָגאָסלאָווסקי האַלט פאַר נייטיק בלויז צו וואָרענען, אַז אויב די רעוואָלוציאָנערע באַוועגונג וועט ווייטער אָנהאַלטן זענען „פאַרשאַרפונגען" אומפאַרמיידלעך. און אויף מאָרגן, נאָכן אָפּפאָר פון באָגאָסלאָווסקין, גיט דער מאָהילעווער גובערנאַטאָר אַרויס אַ באַפעל צו פּאָליציי, אין וועלכן ער רעדט וועגן סתם „גאַסן אומרוען, וואָס

רעזערוויסטן און זייערע קרובים האָבן געמאַכט, לויבט די פּאָלי־
ציי פאַר איר איינגעגעבענער, שכלדיקער און ענערגישער
האַנדלונג, און צום צייכן פון דאַנקבאַרשאַפט שענקט ער דעם ני־
דעריקערן פּאָליציי פּערסאָנאַל 150 רובל*).

פּאָגראָמען פון קלענערן מאַסשטאַב זענען דאַן געווען נאָך
אין אַ רייע קלענערע שטעט.

אַ נייער אויפשטייג פון דער פּאָגראָמכוואַליע געשעט באַלד
נאָך די יאַנואַר־טעג פון 1905. איבערן גאַנצן תחום ווערט גע־
פירט אַ פאַרשטאַרקטע פּאָגראָם־אַגיטאַציע. די „עכט־רוסישע"
לייט, פּאָליציי, זשאַנדאַרמעריע, שפּיצלען רופן זיך אָפּ אויפן
אַפּעל פון מאַניפעסט פון 18 פעברואַר צו זאַמלען זיך אַרום טראָן.
אין אָדעס אַנטשטייט די „געזעלשאַפט פון נאַציאָנאַליסטן", אין
קיעוו — דער פאַריין „רוסישע פאָן", אין קישינעוו — די „ליגע
פון פּאַטריאָטן" און די „פּאַרטיי קרופּאָווציעס", וואָס האָט אין איר
שפּיץ דעם פּאָליציי־פּריסטאַוו סאָלאָווקין און אַ נאָטאַרישן פּראַ־
וואָקאַטאָר, איינעם פּאַסאַד; אין כאַרקאָוו ווערט געבילדעט די
„געהיימע אַלרוסלענדישע אָרגאַניזאַציע פון רוסישע אַרבעטער" א.
אַ. וו. אַ. אַ. וו. די אַלע געזעלשאַפטן, פאַריינען, ליגעס און אָר־
גאַניזאַציעס פאַרפּלייצן די שטעט און דערפער מיט זייערע בלעט־
לעך — און דערביי וואַרפט זיך אין די אויגן אַ קלאָרע כונה נאָכ־
צומאַכן די בלעטלעך פון די רעוואָלוציאָנערע אָרגאַניזאַציעס. די
בלעטלעך זענען אָבער געשריבן זייער אַמעראַציש, אין סטיל פון
פּאָליצייאישע און אַנדערע באַאַמטע, וועלכע האָבן שלעכט איי־
בערגעקאָכט דעם רעוואָלוציאָנערן זשאַרגאָן, און אויף טויזנטערליי
אופנים ווערט אין די בלעטלעך געחזרט איין און דער זעלבער
מאָטיוו: „שלאָגט זשידעס, סטודענטן און שונאים פון צאַר, פאַרע־
טער פון פאָטערלאַנד, וואָס שרייען „נידער מיט דער זעלבסטהער־
שונג" און פאַרלאַנגען אַ קאָנסטיטוציע"*).

אין יאַנואַר קומט פאָר אין האָמעל, איינגעשטעלט, גישט קיין

---

*) „ל. נ.", נומ. 223 און 233.

*) „ל. נ.", נומ. 20.

פאגראם, נאר א מיליטערישער איבערפאל, עטלעכע גאסן ווערן באשאסן — א פארבילד פון די פאגראמען, וואס זענען 2 מאל פארגעקומען אין ביאליסטאק (יולי 1905 און יוני 1906) און איינמאל אין שעדלעץ. אין אט די פאגראמען ווערט דאס „פאלק“ רעפרעזענטירט דורך היפלעך איבערגעטוענע פאליציאנטן, זשאנדארן און שפיאנען, און הויבן זיי זיך אן פון פראוואקאטארישע שאסן און געווארפענע אומשעדלעכע באמבעס.

די פאגראם־אגיטאציע אין יאנואר־פעברואר האט געהאט א צווייענדיקן ציל: זי איז געווען אן ענטפער אויף דער יאנואר־באוועגונג און א התראה קעגן נייע דעמאנסטראציעס און שטרייקן, וועלכע מען האט אומעטום דערווארט צום טראדיציאנעלן 19 פעברואר (4 מערץ) — דעם טאג פון דער פויערים־באפרייאונג. אין מערץ איז די פאגראם־אגיטאציע א ביסל שוואכער, אבער אין אפריל צעפלאקערט זי זיך מיט נייער קראפט, — צוליבן נאענטן ערשטן מאי, — און לאזט זיך אויס מיט פאגראמען אין מעליטאפאל און זשיטאמיר, וועלכע מיר וועלן דא נישט אנהויבן באשרייבן: אז זיי זענען ארגאניזירט דורך דער רעגירונג, און ארגאניזירט אפן, מיטן בפירושן ציל אויסצוראטן די „דעמאקראטן“ — איז גלייך קלאר געווען פאר אלעמען*).

פרילינג און זומער 1905 זענען געווען א צייט פון אנגעשטרענגטער אפענער רעוואלוציאנערער אגיטאציע און קאמף אין גאנצן בונדישן ראיאן. עס איז געווען, ווי מיר האבן שוין געזען, די צייט פון לאדז און אדעס, די צייט פון אומאויפהערלעכע שטרייקן און דעמאנסטראציעס און פון טויזנט־קעפיקע פאלקס־מיטינגען אונטערן פרייען הימל. אונזערע ארגאניזאציעס האבן פארשפרייט צענדליקער און הונדערטער טויזנטער אויפרופן און בראשורן, נישט נאר צווישן די יידישע און קריסטלעכע ארבעטער, נאר אויך צווישן פויערטום און צווישן מיליטער. אינטענסיווע פאגראם־אגיטאציע באגלייט, ווי א שאטן, די דאזיקע אנגעשטרענגטע ארבעט. „געזעלשאפטן פון מאנארכיסטן“, „געזעלשאפטן צו

*) „ל. נ.“, נומ. 231—236.

שיצן די זעלבסטהערשונג", „קאָמיטעטן אויף צוריקשטעלן די גערעכטיקייט" א. א. וו. א. א. וו. וואקסן ווי שוואָמען; אין די צייטונגען „מאָסקאָווסקיע וויעדאָמאָסטי", „סוויעט", „פראַוויטעלסטווענני וויעסטניק" פירט זיך א סיסטעמאטישע העצע קעגן יידן; „נאָוואָיע ווּרעמיא" פארפילט אירע שפאלטן מיט ידיעות וועגן דער ארבעט פון „בונד", אלס אָרגאניזאטאָר און אינספּיראטאָר פון דער גאנצער רעוואָלוציאנערער באוועגונג. א שטארקע פּאָגראָם־אגיטאציע פירט זי אויך צווישן מיליטער.

די עקסצעסן פון די קאָזאקן און זעלנער, די שיסעריי־עקזעקוציע אין ביאליסטאָק און דער פּאָגראָם אין קערטש פארווישן אלץ מער דעם אונטערשייד צווישן יידישע פּאָגראָמען און קאָנטררעוואָלוציאָנערע מיליטערישע עקזעקוציעס. עס ווערט שווער אונטערצושיידן, ווו ענדיקן זיך די ערשטע און ווו הויבן זיך אָן די צווייטע, און ענדלעך גיסן זיי זיך ביידע גאָר צונויף אין די בארימטע אָקטאָבער־טעג, באלד נאָכדעם ווי ס'איז פּראָקלאמירט געוואָרן די „קאָנסטיטוציע".

ווי זשע האט דער יידישער פּראָלעטאריאט רעאגירט אויף די פּאָגראָמען און אויף דער פּאָגראָם־אגיטאציע?

זייט דעם קישינעווער און באזונדער זייט דעם האָמלער פּאָגראָם הויבן די בונדישע אָרגאניזאציעס אָן צו פארגרייטן געווער און צו פאָרמירן פון זייערע דרייסטערע און פיזיש־געזונטערע מיטגלידער „קאַמף־דרוזשינעס", אויפן פאל פון פּאָגראָמען. אין דער שטילער נישט־פּאָגראָם־צייט האָבן די דאָזיקע „קאמף־דרוזשינעס" געהאלטן וואך ארום די געהיימע פארזאמלונגען, וואָס פלעגן געווינטלעך פארקומען ווייט הינטערן שטאָט אין די וועלדער. זיי פארפירן א קאמף מיט פּאָליציי, אויב זי דערנענטערט זיך, און געבן אזוי ארום די פארזאמלטע א מעגלעכקייט זיך פאנאנדערצוגיין. די קאמף־דרוזשינעס באשיצן די גרויסע פארזאמלונגען אין די בתי־מדרשים און גיבן גוט אכטונג, קיינער זאָל זיך נישט דערוועגן אוועקגיין פון שוהל-לאָקאל צי פון שוהל־הויף, איידער די פארזאמלונג וועט נישט זיין געענדיקט. בעת דעמאָנסטראציעס

רינגלען זיי ארום דעם פּאָן-טרעגער, שליסן מיט זיך דעם צוג פון די רעמאָנסטראַנטן; אָדער זיי נעמען ארום מיט אן ענגער קייט די גאַנצע רעמאָנסטרירנדיקע מאַסע, מיט הויך אויפגעהויבענע אָנגעלאָדענע רעוואָלווערן איבער די קעפּ, מיט אַנטבלויזטע מעסערס און אנדער געווער. און אז א פאַרזאַמלונג אָדער א רעמאָנסטראַציע זיינען אריבער בשלום — קומט דאן צו צו די פריידיקע געשרייען פונם המון נאָך דער סאַלוט פון דער דרוזשינע, — לופט-שאָסן פון די רעוואָלווערן. אונזערע נאַציאָנאַליסטן און ציוניסטן זענען אין פּלוג גערעכט, ווען זיי זאָגן, אז דער „בונד" האָט דער ערשטער באַקאַנט געמאַכט די יידישע גאַס מיטן רעוואָלווער און מיטן מעסער.

ביי די ערשטע סימנים, אז עס רוקט זיך אָן א פּאָגראָם, פלעגן די קאַמף-דרוזשינעס אלס גרייטע קעמערלעך זיך שנעל אויסברייטערן, צוציענדיק צו דער זעלבסטשוץ-אָרגאַניזאַציע נייע מיטגלידער. די זעלבסטשוץ ווערט דאן פאַרטיילט אויף עטלעכע אָטריאַדן אָדער אויף „צענדלינגען", אונטער אָנפירונג פון וואָס א געניטערן חבר — „נאַטשאַלניק" פון אָטריאַד. די אָטריאַדן אָדער „צענדלינגען" ווערן צעשטעלט איבער ספּעציעלע דירות אין פאַרשידענע טיילן שטאָט; זייערע אַרויסטרעטונגען ווערן פאַר-איינהייטלעכט דורכן הויפּט-פירער פון דער זעלבסטשוץ, דורכן „הויפּט-נאַטשעלניק". אין זיין רשות געפינט זיך די „צענטראַל-דירה", אהין פליסן אריין אלע ידיעות און דאָרטן קומען פאָר די אָרדנטלעכע און אויסעראָרדנטלעכע באַראַטונגען. ער האָט אונטער זיך אויך אַן אָטריאַד פון דיזשורן, וואָס זייער זאַך איז זיך גוט צוקוקן צו אלץ, וואָס געשעט אין ראַיאָן (אָדער ראַיאָנען), ווו מען ריכט זיך אויף א פּאָגראָם אָדער ווו א פּאָגראָם האָט זיך שוין אָנגעהויבן.

דאָס איז, אין אלגעמיינע שטריכן, דער געוויינלעכער טיפּ פון א זעלבסטשוץ-אָרגאַניזאַציע.

דער ערשטער, פאַרן געגעבענעם באַריכט-פּעריאָד, פּאָגראָם איז פאָרגעקומען, ווי מיר האָבן געזען, אין מאָהילעוו, אכט טעג

נאָך דער שוין דערמאָנטער דעמאָנסטראַציע. די מאָהילעווער אָר־גאַניזאַציע איז געווען שטאַרק אָפּגעשוואַכט, מחמת צאָלרייכע אַרעסטן, פּאָליציייִשע הריגות און פאַרשטאַרקטן שפּיאָנאַזש; און דאָך האָט די זעלבסטשוץ באַוויזן שוין אויפן צווייטן טאָג נאָכן פּאָגראָם־אויסברוך אַרויסצוטרעטן אין קאַמף. אויף עטלעכע דירות האָט מען צונויפגענומען אַריבער 100 מאַן, באַוואָפנטע מיט רע־וואָלווערן, מיט ספּרענגשינעדיקע נאַהייקעס און מיט אַנדער קאַלט געווער. פון די נאָענטסטע שטעט (מינסק, שקלאָוו, אָרשע) זענען אָנגעקומען צו הילף באַוואָפנטע דרוזשינעס, וואָס האָבן גע־האַט אין זייער באַשטאַנד אויך קריסטלעכע אַרבעטער.

דער זעלבסטשוץ איז געווען זייער שווער עפּעס צו טון; פּאָ-ליציי האָט געהאַלטן אין איין זאָגן זיך נאָך די זעלבסטשוץ־מיט־גלידער; די דירות האָט מען אין משך פון איין טאָג געמוזט בייטן אַמאָל צוואַנציק. אָבער דער פאַקט גופא, וואָס עס טרעט אַרויס אַ זעלבסטשוץ, האָט געוואָרפן אַ מורא אויף די רוצחים און האָט ניט ווייניק מיטגעווירקט, דער פּאָגראָם זאָל אויפהערן.

צוטרעטנדיק צו אָרגאַניזירן אַ זעלבסטשוץ, האָבן אונזערע אָרטיקע קאָמיטעטן געווייינלעך געפירט די ברייטסטע מינדלעכע און שריפטלעכע אַגיטאַציע פאַר באַוואָפענען זיך און פאַר זעלבסטשוץ. אין אַפּריל 1905 האָט די פּאָגראָם־אַגיטאַציע דער-גרייכט איר העכסטן פּונקט, אַזוי, אַז אַ באַדייטנדיקער טייל קרעפטן פון אונזערע אָרגאַניזאַציעס איז דעריבער געוואָרפן גע-וואָרן אויף אַגיטאַציע און זעלבסטשוץ. לויט די באַקומענע אין צ. ק. ידיעות, האָט זיך די אַגיטאַציע געפירט צווישן דער גאַנצער באַפעלקערונג, צוליב וואָס עס זענען אַגב אויסגענוצט געוואָרן די טעג פון פּסח. „אונזערע רעדנער זענען אַרויסגעטראָטן אין די בתי מדרשים פאַר טויזנטער מתפּללים, און אומעטום, אַ חוץ געציילטע אויסנאַמען, האָט מען זיי פריינטלעך אויפגענומען. די שטימונג ביי די יידן אין ס׳רוב שטעט איז אַ קעמפערישע. אין אייניקע שטעט האָט די באַוואָפנונג באַקומען די ברייטסטע פאַרשפּריי־טונג“.

אין רוגע האט אונזער קאמיטעט, צוזאמען מיטן קאמיטעט פון דער לעטישער ס"ד, ארגאניזירט א זעלבסטשוץ פון 200 אר־בעטער און 100 סטודענטן, פארטיילטע אויף „צענדלינגען". אפריער האט מען געפירט א ברייטע אגיטאציע אין די בתי מדר־שים, מען האט ארויסגעלאזט א ספעציעלן אויפרוף. די „צענדלינ־גען" האבן אין משך פון די דריי טעג קריסטלעכע פאסכע געהאל־טען וואך אויף קאנספיראטיווע דירות. קיין פאגראם איז נישט געווען, נאך איינמאל האט מען געמאלדן, אז אויף דער און דער גאס איז נישט „בשלום'דיק". אין דריי מינוט ארום איז שוין גע־ווען אויפן פלאץ צוויי „צענדלינגען". א חוץ די דיזשורן, וועלכע זענען געקומען צעפליען תיכף ומיד. „איידער פאליציי האט בא־וויזן אנצוקומען, איז די גאס געווען אפגערייניקט", און די זעלבסטשוצלער זענען זיך תיכף פאנאנדערגעגאנגען, לויטן סיגנאל פונם אנפירער*).

אין ביאליסטאק האבן אונזערע רעדנער גערעדט פסח אין 15 בתי מדרשים וועגן פאגראמען און זעלבסטשוץ — אין דער לעצ־טער זענען געווען אריינגעטראטן פארשטייער פון פארשידענע שיכ־טען פון דער יידישער באפעלקערונג. אין מאהילעוו האבן צו פסח צו פונקציאנירט 4 ארגאניזאציעס פון זעלבסטשוץ. אין קישינעוו איז, לויט דער איניציאטיוו פון אונזער ארגאניזאציע, נאך אין פעברואר 1905 ארגאניזירט געווארן א „ביורא פון זעלבסטשוץ", צו וועלכער עס זענען צוגעשטאנען מיטגלידער פון אונזער ארגא־ניזאציע. געלט איז געפלאסן פון אלע זייטן, און מען האט אנגע־גרייט א גענוגנדיקע צאל סיי הייס, סיי קאלט געווער. אין א ספע־ציעל בלעטל האט מען גערופן די באפעלקערונג — זיך נישט בא־האלטן, נאר באוואפענען זיך מיט וואס ס'לאזט זיך און צושטיין צו אונזערע דרוזשינעס. צו פסח צו האבן די חרוזשינעס ביי אונ־זער קישינעווער ארגאניזאציע געציילט 350 באוואפנטע, צווישן זיי נישט ווינציק קריסטן. „כמעט די גאנצע באפעלקערונג האט

*) „ל. ב." נומ. 232.

ויך פארגרייט געוועזען*). גוט באוואפנט איז אויך געוועזן די יידי־
שע באפעלקערונג פון אדעס און פון אנדערע שטעט.

די פאגראם־קאמפאניע פרילינג 1905 האט געליטן כמעט א
פולשטענדיקן דורכפאל, נישט געקוקט דערויף, וואס די רעגירונג
און אירע עכט-רוסישע אנהענגער האבן אויף איר געפטר'ט אומ-
געהייערע כוחות. אין פוילן און אין ליטע איז נישט געווען וואס
צו רעדן וועגן פאגראמען, א דאנק דער רעוואלוציאנערער שטימונג
און דעם לערך הויכן קולטור־ניוואָ פון די קריסטלעכע ארבעטער;
און אויפן דרום האט די באוואפנטקייט פון דער יידישער באפעל־
קערונג געהאט די גוטע ווירקונג, וואס די פאגראם-עלעמענטן האבן
בען מורא געקריגן. א פאגראם, און דאס נישט גאר קיין געוויינ־
לעכער, ווי מיר וועלן באלד זען, איז אויסגעבראכן נאר אין זשי־
טאמיר. צו דעם פאגראם האט מען זיך לאנג געגרייט, און כדי אים
ארגאניזירן האט די רעגירונג אפילו געמוזט אויסשרייבן פון
מאסקווע „ספעציאליסטן” באוואפנטע מיט ביקסן. די רויבער
האבן געמאכט אלע מעגלעכע באמיונגען, צו פראוואצירן די „רע-
מאקראטן” אויף אן ארויסטריט, כדי מיט אמאל זיי דערלאנגען
א טויט־קלאפ. געראבירט האט מען זייער ווייניק, דערפאר האט
מען געשלאגן אן שום רחמנות און געמארדעט. אין זשיטאמיר
האבן מיר דעריבער צו טון נישט אזוי מיט א פאגראם אין געוויינ־
לעכן זינען פון דעם ווארט, ווי מיט א שלאכט, וואס פאליציי און
ארגאניזירטע דורך איר רויבער האבן, אונטערן שוץ פון מיליטער
געפירט קעגן אונזער זעלבסטשוץ.

צו דער שלאכט האט זיך ענערגיש געגרייט אויך אונזער זשי־
טאמירער ארגאניזאציע. רעדנער זענען ארויסגעטראטן אין אלע
בתי מדרשים, און מען האט זיי אויפגענומען זייער גוט. איינוווי־
נער פון אייניקע פארשטעט האבן זיך געווענדעט צו אונזער זשי-
טאמירער קאמיטעט מיט דער בקשה צו פארשאפן זיי געווער, זיי
ארגאניזירן, — און ווי ווייט מעגלעך האט מען אט די בקשות

*) „ל. נ.”, נומ. 223 און 233.

באפרידיקט. די מיטגלידער פון דער זעלבסטשוץ האט מען פאר-מיילט אויף „קאמף־דרוזשינעס" (געווען איז 4 צו 25 מאן) און אויף זעלבסטשוץ־דרוזשינעס סתם — א מין רעזערוו (ארום 400 מאן). אין די „קאמף־דרוזשינעס" האט מען ווערבירט נאר הורב-אוים זיכערע מענטשן, מייסטנס מיטגלידער פון דער ארגאניזא-ציע און ארבעטער. געווען מיידלעך־ארבעטערינס, וואס האבן נישט אנדערש פארלאנגט מען זאל זיי אריינגעמען אין די דרו־זשינעס, און די וואס האבן דאס געפועלט, האבן זיך געשעצט גליקלעך. די „קאמף־דרוזשינעס" האבן באריכטיקט די האפנונגען וואס מען האט אויף זיי געלייגט. איינע נאך דער אנדערער זענען זיי אוועק אויף באדאל (א פארשטאט אין זשיטאמיר), ווו ס'איז געגאנגען א פארמעלע שלאכט, מחנותווייז זיך געווארפן אויפן המון רוזבער, און נישט איינמאל זיי געצוווּנגען אפצוטרעטן.

גאנצע פיר שעה האבן זיי מלחמה געהאלטן מיט די כוליגא-נעס און האבן באדאל אפגעראטעוועט. די מיידלעך זענען נישט אפגעשטאנען פון די מענער. אין סאמע ברען פון פאגראם, ביי־נאכט, זענען זיי געלאפן הורך דער גאנצער שטאט נאך נייע קוילן, האבן אפגעזובט דאקטוירים, זענען אומגעגאנגען ביי די פארווונ־דעטע א. א. וו.*) נישט ווייניק זענען געפאלן טויטע און שטערב־לעך פארוונדעטע.

א חוץ אט די געפאלענע פון קאמף מיט די רוזבער, זענען אין שטעטל טראיאנאווא, נישט ווייט פון זשיטאמיר, אויף א חיה'שן אופן דערמארדעט געווארן 10 מאן, מיטגלידער פון אונזערע אר־גאניזאציעס, וואס האבן פון די נאענטע שטעט געאיילט אויף הילף די זשיטאמירער חברים.

אין זשיטאמיר איז די פאגראם-פאליטיק פון דער זעלבסט -העדשונג ענדגילטיק דורכגעפאלן. דער אמתער שולדיקער אין די פאגראמען איז געווארן איינגאנצן דעמאסקירט, און די שפעטער־

*) „ל. נ.", נומ. 245 („זשיטאמירער פאגראם און בונדישע זעלבסט-שוץ").

דיקע פאגראמען פארוואנדלען זיך שוין אין אפענע מיליטערישע איבערפאלן און קאזאקישע אינוואזיעס, אדער זיי גיסן זיך איינגאנצן צונויף מיט דעם קאנטר־רעוואלוציאנערן טעראר, וואס איז שוין געווענדעט קעגן דער גאנצער ווידערשפעניקער באפעלקערונג אן אונטערשיד פון נאציע. פארשטייט זיך, אז איז קאמף מיט פאגראמען פון אזא פארם זענען די זעלבסטשוץ־ארגאניזאציעס כמעט מאכטלאז. פון דעם מין זענען טאקע געווען די אקטאבער־פאגראמען פון 1905, וועלכע האבן ארומגעכאפט דעם גאנצן דרום, צענטראל־ און מזרח־רוסלאנד, און פארכאפט אביסל אפילו סיביר *). ביי אלעמען איז נאך פריש אין זכרון די פעברואר־עקזעקוציע אין טאמסק. און דאך האט אונזער אדעסער זעלבסטשוץ, וועלכע האט געהאט אין אירע רייען נישט ווייניק נישט־יידן — פון די העכערע און מיטעלע לערן-אנשטאלטן — אפילו אין אקטאבער אויך נישט איין גאס אפגעראטעוועט מיט איר קאמף.

די פאגראמאגיטאציע האט איצט אויך נאך נישט אויפגעהערט; די געפאר פון פאגראמען איז נאך ווייט נישט אריבער. אבער צווישן קישינעוו און שעדלעץ איז א קאלאסאלער אונטערשיד, פאר די לעצטע צוויי יאר האט אלץ זיך פארענדערט. עס האבן זיך פארענדערט די מעטאדן פון רעוואלוציאנערן קאמף, עס האבן זיך אויך פארענדערט די מעטאדן פון קאנטר־רעוואלוציאנערן קאמף. אבער סיי די ריכטיקע שטעלונג, וואס אונזער פארטיי האט פארנומען צו די פאגראמען פון ערשטן מאמענט פון זייער אנטשטייאונג און סיי דער פארצווייפלטער קאמף וואס דער יידישער פראלעטאריאט האט די לעצטע צוויי יאר געפירט מיט די פאגראמען — מיר האבן דא געמוזט נאר אין אלגע־

*) לויט די דאטן פון פעטערבורגער קאמיטעט צו העלפן פאגראבגעליטענע האבן די פאגראמען פון 1905 ארומגעכאפט 638 פונקט. די צאל געליטענע דערגרייכט ביז 159 טויזנט, — פון זיי 937 דערהרגעטע און 1190 פארוואונדעטע; יתומים זענען פארבליבן 1278 קינדער (נומ. 168 „פאלקסצייטונג").

מיינע שטריכן דערמאָנען וועגן אָט דעם קאַמף — האָבן נישט ווייניק מיטגעהאָלפן צו דער געשווינדקייט (טעמפּ) פון דער ראַזיקער עוואָלוציע. די פראַגע שטייט קלאָר און שאַרף: א סוף מאַכן צו דער פּאָגראָם־אַגיטאַציע און צו די פּאָגראָמען גופא קאָן נאָר דער ענדגילטיקער זיג פון דער רעוואָלוציע איבער די כוחות פון דער קאָנטר-רעוואָלוציע. אזא פאָרמולירונג, ווי מיר האָבן געזעען, איז געגעבן אין דער ערשטער רעזאָלוציע וועגן פּאָגראָמען, וואָס ס'האָט אָנגענומען דער V צוזאמענפאָר פון אונזער פּאַרטיי. די דאָזיק שטעלונג איז אינגיכן געוואָרן אַן אַלגעמיין־אָנגענומענער אמת.

# 8. דער ערשטער מאי.

אין די יאָרן 1905 און 1906 איז אויך די ערשטע-מאי־באַוועגונג געגאַנגען אַ נטערן צייכן פון פּאָגראָם־אַגיטאַציע און פּאָגראָם־פּחד.

די רוסישע פאַכבע, וועלכע פאַלט אָפּט אויס סוף אַפּריל, אָדער אַנהויב מאַי לויט נייעם סטיל, האָט זיך פון תמיד אָן גערעכנט אין רוסלאַנד פאַר דער טראַדיציאָנעלער צייט פון יידישע פּאָגראָמען...

די VII קאָנפערענץ פון אונזער פּאַרטיי, וואָס איז פאָרגעקומען קורץ פאַרן 18 אַפּריל (1 מאַי) 1906, האַלט פאַר נויטיק אָנצונעמען אַ ספּעציעלע רעזאָלוציע וועגן פּאָגראָמען, ווו מען רעקאָמענדירט די אָרגאַניזאַציעס אויף די ערטער צו „ווענדן אַ ספּעציעלע אויפמערקזאַמקייט אויף דער אָרגאַניזירונג פון זעלבסטשוץ־דרוזשינעס און זען פאַרשטאַרקן זייער קאַמף־גרייטקייט”: צו יענער צייט האָט זיך ווידער געלאָזט באַמערקן אַ פאַרשטאַרקטע טעטיקייט מצד די רעגירונגס־אָרגאַנען אין פּרט פון צוגרייטן יידישע פּאָגראָמען.

אָבער גאָר אויסערגעוויינלעך אינטענסיוו איז די פּאָגראָם־אַגיטאַציע געווען ערב דעם 1 מאַי 1905. מיר האָבן שוין געזען („פּאָגראָמען און זעלבסטשוץ”), אַז אַ פאַרשטאַרקונג פון די פּאָליצייאיש־פּאַטריאָטישע אָרגאַניזאַציעס קומט פאָר באַזונדער אין אַפּריל חודש. צום ערשטן מאַי איז דער גאַנצער יידישער תחום באַדעקט מיט אַ נעץ פון אַזעלכע אָרגאַניזאַציעס; בלעטלעך וואָס רופן שלאָגן יידן און אינטעליגענץ ווערן פאַרשפּרייט אין די הונדערטער טויזנטער עקזעמפּלאַרן. נאָר דאָס איז נאָך ווינציק. די יידן־העצע אין די אָרגאַנען פון דער רעגירונגס־פּרעסע ווערט צו יענער צייט פאַרשטאַרקט; ווו נישט ווו פּרוווט מען זיך צוגעבן אַ שיין פון רעאַליטעט דער טראַדיציאָנעלער באַשולדיקונג, אַז יידן נוצן קריסטלעך בלוט. אַן אונטערגעקויפטער דורך עמיצן מאַלדא-

וואַנער קלויבט זיך צוליב דעם צוועק — ווי ער האָט זיך שפּעטער אַליין מודה געווען — צו דערהרגענען, אין מעליטאָפּאָל, אַ קריסט־לעך קינד. אין אַלע שטעט און שטעטלעך פון תחום פאַרשפּרייט פּאָליציי סיסטעמאַטיש דעם זעלבן קלאַנג, אַז אין דער פּאַסכע־נאַכט קלייבן זיך כלומרשט די יידן אויפצורייסן אַלע רוסישע קיר־כעס און קלויסטערס, און כדי נאָך מער אויפהעצן די קריסטלעכע באַפעלקערונג, רינגלט מען אין פיל ערטער אַרום די קלויסטערס מיט פּאָליצייאישע און מיליטערישע פּאַטרולן. דער צופאַל האָט גראָד געוואָלט, אַז אין 1905 זאָל דער 18 אַפּריל (1 מאַי) אויס־קומען דעם צווייטן טאָג פון דער רוסישער פּאַסכע.

אָבער נישט געקוקט אויף די אַלע אויסעראָרדנטלעכע מיט־לען און אופנים פון פּאָגראָם־אַגיטאַציע, האָט די ערשט־מאַי־באַ־וועגונג פון 1905 אין בונדישן ראַיאָן איבערגעשטיגן מיט איר קראַפט און זאַמפּאַזאַנטקייט אַלע דערוואַרטונגען.

רעכענענדיק זיך מיט די פּאָגראָם־שטימונגען, האָט דער צ. ק. פאָרגעלייגט די אָרגאַניזאַציעס צו באַגרענעצן זיך דעם 1 מאַי נאָר מיט אַ שטרייק, און די דעמאָנסטראַציעס אָדער מאַניפעסטאַ־ציעס איבערטראָגן אויפן נאָענטסטן שבת אָדער זונטאָג.

אין זיין אויפרוף צום 1 מאַי, אַרויסגעגעבן אין אַ צאָל פון אַרום 200 טויז. עקז., אויף יידיש, רוסיש און פּויליש, רופט דער צ. ק. צו אַן אַלגעמיינעם איינטאָגיקן שטרייק און פאָרמולירט די פאָדערונגען וועגן פאַרענדיקן די מלחמה און צונויפרופן די גרינ־דונגס־פאַרזאַמלונג.

די ערשט־מאַיאישע אַגיטאַציע האָט אומעטום זיך אָנגעהויבן נאָך אין מערץ. די בתי־מדרשים זענען פאַרוואַנדלט געוואָרן אין ערטער שיר נישט פון פּערמאַנענטע מיטינגען, וווּ רעדנער האָבן רעפערירט וועגן דער נויטיקייט צו באַוואָפנען זיך, וועגן דער פּאָליטיק פון דער רעגירונג, וועגן דער באַדייטונג פון 1 מאַי. מי־טינגען און פאַרזאַמלונגען זענען אויך פאָרגעקומען אויף די פּאַב־ריקן, זאַוואָדן, אין די ווערקשטאַטן, אויף די גאַסן; אין יעדער שטאָט, אין יעדן שטעטל איז אויף זיי איבערגעוועזן כמעט די גאַנ־

צע יידישע באַפעלקערונג. דער אַנזעץ פון אונזערע אָרגאַניזאַציעס איז פאַר דער צייט שטאַרק אויסגעוואַקסן; אין פיל ערטער האָט די יידישע באַפעלקערונג געקוקט אויף די מיטגלידער פ׳ן אונזער אָרגאַניזאַציע, ווי אויף די איינציקע באַשיצער פון פּאָליציי און פון פּאָגראָמשטשיקעס.

אחוץ די אויפרופן פון צ. ק., האָבן די אָרטיקע אָרגאַניזאַציעס אין די טויזנטער פאַרשפּרייט זייערע אייגענע בלעטלעך, וועגן פּאָגראָמען, וועגן זעלבסטשוץ, וועגן 1 מאַי; די בלעטלעך האָט מען געטיילט און פאַנאַנדערגעוואָרפן נישט נאָר צווישן דער יידישער און קריסטלעכער באַפעלקערונג פון די שטעט און שטעטלעך, נאָר אויך צווישן סאָלדאַטן און צווישן פּויערטום. די באַשרייבונגען פון דער ערשט־מאַי־קאַמפּאַניע ווערן כמעט כסדר באַגלייט מיט אַזעלכע מינים מיטטיילונגען: „פּאָליציי אַגיטירט שטאַרק פאַר אַ פּאָגראָם צווישן דער באַפעלקערונג פון שטאָט און פון דער אומגעגנט; מיר גרייטן זיך ענערגיש צום ערשטן מאַי, דרוזשינעס פון זעלבסטשוץ זענען אָרגאַניזירט".

ידיעות וועגן דער פייערונג פון 1 מאַי האָבן מיר פון 80 — 90 שטעט און שטעטלעך פון יידישן תחום *). צווישן זיי וועט איר געפינען אַ מיטטיילונג פון אַזאַ פאַרוואָרפן קיינעם נישט באַקאַנטן ווינקל, ווי דאָס שטעטעלע דריבען (מאָהילעווער גוב.), ווו 16 יידישע און 2 רוסישע אַרבעטער האָבן אויפמערקזאַם אויסגעהערט דעם רעדנער און מיט התמדה געשריען „נידער מיט דער זעלבסטהערשונג", און אויך אַ באַשרייבונג פון בלוטיקע צוזאַמענשטויסן צווישן אַרבעטער און מיליטער אין לאָדז, ווו ס׳זענען געפאַלן טויטע און פאַרוואונדעטע פון איינער און פון דער צווייטער זייט און ווו אַ גאַנצן טאָג האָבן טויזנטיקע המונים יידישע אַרבעטער, מיט רויטע פענער און בענדער, כסדר דעמאָנסטרירט אויף די גאַסן, אונטער פרייִדיקע געשרייען פון דער גאַנצער באַפעלקערונג **).

*) לעצטע נאַכר. נומ. 230 — 239.

**) לעצטע נאַכר. נומ. 232 און 236.

„ביי אונז איז דער שטרייק אַן אַלגעמיינער; ביי אונז אַר־בעט אבסאָלוט קיינער נישט; ביי אונז האָבן געשטרייקט נישט נאָר די אָרגאַניזירטע, נאָר אויך דער רוב נישט אָרגאַניזירטע אַר־בעטער" — מיט אַזעלכע אויסדריקן איז פול דער גרעסטער טייל מיטטיילונגען, וואָס מיר האָבן. אין פיל ערטער זענען צו די שטרייקנדיקע אַרבעטער צוגעשטאַנען נישט נאָר אָנגעשטעלטע בכלל, האַנדלס־אָנגעשטעלטע, פאַרמאַצעווטן, נאָר אויך טרעגער, וואַסער־פירער און אַפילו הויז־דינערשאַפט. די יום־טובדיק פאַר־פוצטע אַרבעטער און אַרבעטערינס, מיט רויטע בענדער און בלו־מען אין די שלייפלעך, האָבן זיך אין קאָמפּאַקטע מאַסן באַוועגט איבער די גאַסן און בולוואַרן, וועלכע זענען געווען פאַרפלייצט פון פּאָליציי, סאָלדאַטן, קאָזאַקן און דראַגונער. פּראָקלאַמאַציעס און בלעטלעך האָט מען נישט נאָר געטיילט צווישן עולם, נאָר אין אַ סך ערטער האָט מען זיי פאַנאַנדערגעקלעפּט אויף די פּלויטן און אויף די ווענט פון די הייזער. וווּ נישט ווו, אין פּאַרוואָרפע־נע שטעטלעך, האָבן זיך באַקומען בילדלעך עכט עפּישע.

נאַטירלעך, אַז נישט אומעטום איז דער טאָג פון 1 מאַי אַריי־בער רויק. צו אָוונט צו ווערט די שטימונג פון די שטרייקנדיקע אַרבעטער, מיט וועלכע ס׳זענען פול אַלע גאַסן, אַן אויפגערעגטע, און קעגן באַשלוסן פון די קאָמיטעטן גיסט זי זיך אויס אין פיל שטעט אין אימפּראָוויזירטע דעמאָנסטראַציעס און מאַניפעסטאַ־ציעס. די דעפּילירנדיקע פּאָליציאַנטן און סאָלדאַטן פאַרגרע־סער׳ן נאָך מער די אייפערגונג. פון פאַרשידענע עקן, אָפט צו איין און דער זעלבער צייט, ווערן די גאַסן באַלויכטן מיט בענגאַלישע פייערן פון פאַרשידענע קאָלירן, מיט פייערווערקן, און עס הילכן אויסרופן „נידער מיט דער זעלבסטהערשונג", „נידער מיט דער מלחמה" א. אַ. וו. דער אויפגערעגטער המון כאַפּט אונטער די אויסרופן און באַדעקט זיי מיט הילכיקע „הורא", און די קאָמפּ־דרוזשינעס סאַלוטירן מיט לופט־שאָסן פון די רעוואָלווערן. די סאָלדאַטן און פּאָליציאַנטן וואַרפן זיך אויף אַלע זייטן, פאַרלירן די געדולד און לאָזן אין גאַנג שווערדן און רעוואָלווערן. און נישט

אין איין שטאָט האָט זיך דער 1 מאַי 1905 פאַרענדיקט מיט גאַנץ ערנסטע צוזאַמענשטויסן, צומאָל בלוטיקע, מיט הריגות און מיט צאָלרייכע אַרעסטן.

לויט אַן איינגעשטעלטן מנהג, פייערן די בונדישע אָרגאַני־זאַציעס דעם 1 מאַי לויטן נייעם סטיל. נאָר אַזוי ווי די רוסישע אַרבעטער פייערן אָט דעם טאָג געוויינלעך לויטן אַלטן סטיל, מאַכט זיך נישט זעלטן, אַז אונזערע אַרבעטער פייערן דעם 1 מאַי צוויי מאָל. דאָס זעלבע איז געווען אין יאָר 1905.

אין יאָר 1906 איז דער ערשט־מאַיאיקער שטרייק אַדורך אין ראַיאָן פון אונזער פּאַרטיי מיטן זעלבן דערפאָלג, וואָס אין 1905.

# II. דער עקאָנאָמישער קאַמף

(שטרייקן, פּראָפעסיאָנעלע פאַריינען, לאָקאַוטן)

די ערשטע צייט פון אונזער באַריכט־פּעריאָד איז געווען זייער נישט קיין גינסטיקע פאַר עקאָנאָמישן קאַמף. די רוסיש־יאַפּאַנישע מלחמה האָט ארויסגערופן אין גאַנצן לאַנד אַן אומגעווינלעכן קריזיס, און דער ארבעטס־מאַרק איז געווען פול מיט הונגעריקע און ארבעטלאָזע. וועגן א נאָרמאַלן קאַמף פאַר נייע אויסבעסערונגען אין דער ארבעט־לאַגע איז נישט געווען וואָס צו טראַכטן אפילו. מען האָט באַדאַרפט אָנשטרענגען אַלע כּוחות איינצוהאַלטן די אויסגעקעמפטע פּאָזיציעס און נישט פאַרלירן דאָס, וואָס מען האָט דעראָבערט דורך לאַנגען קאַמף. און יוידקלעך, פון די רעגיסטרירטע 56 שטרייקן (די רעגיסטראַציע איז ווייט נישט קיין פולע), אין די „לעצטע נאַכריכטן" פאַרן צווייטן האַלבן יאָר 1904, זענען 41 דעפענסיוו־שטרייקן און נאָר 15 זענען אָנגריף־שטרייקן; דערביי האָבן זיך פון דער ערשטער קאַטעגאָריע, נאָר 25 — 30 פּראָצענט שטרייקן געענדיקט מיט א פולער אָדער טיילווייזער מפּלה פון די ארבעטער, און פון דער צווייטער קאַטעגאָריע האָבן זיך 80 פּראָצענט שטרייקן געענדיקט מיט א פולן נצחון, און 20 פּראָצענט מיט א טיילווייזן. אין אַלגעמיין האָט דער יידישער פּראָלעטאַריאַט אין אָט די שווערע צייטן מיט דערפאָלג אָפּגעשלאָגן אַלע אַטאַקעס פון די אונטערנעמער, און אויף וויפיל די יידישע ארבעטער זענען נאָר נישט געוואָרן ארויסגעוואָרפן אויפן גאַס דורכן קריזיס, האָבן זיי איינגעהאַלטן אַלע זייער׳ע דעראָבערונגען. די אָרגאַניזירטקייט און קאָנסאָלידירטקייט פון יידישן פּראָלעטאַריאַט האָט זיך דעמאָלט אויסגעדריקט אויך דערין, וואָס אין א סך שטעט האָבן די ארבעטער, וואָס האָבן יאָ געהאַט אַר־

בעט, אָפּגעגעבן א טייל פאַרדינסט לטובת די אַרבעטלאָזע, אָדער זיי האָבן פאַר זיי אָפּגעטראָטן אַ 2 — 3 טעג אַרבעט אין וואָך.

דאָס בילד בייט זיך זייער שאַרף פון אָנהויב יאָר 1905 — די צייט פון ערשטן רעוואָלוציאָנערן אויפשטייג איבערן גאַנצן לאַנד. נישט געקוקט דערויף, וואָס דער עקאָנאָמישער קריזיס דויערט נאָך אַלץ, כאַפּט פונדעסטוועגן די שטרייק־באַוועגונג אַרום מיט אומגעוויינלעכער געשווינדקייט און קראַפט אַלע מינים אַר־בעט, און וויקלט זיך פאַנאַנדער נישט נאָר אין די מער אָדער ווייניקער גרויסע צענטרען פון אינדוסטריעלן לעבן, נאָר אַפילו אין די סאַמע אָפּגעשטאַנענסטע פאַרוואָרפענע שטעטלעך.

און פון דעם מאָמענט אָן און ביז אויף היינטיקן טאָג ווערט דער עקאָנאָמישער קאַמף אַזוי ענג פאַרקניפּט מיטן פּאָליטישן, אַז ס'איז צומאָל שווער צו באַשטימען, וווּ ענדיקט זיך די פּאָליטישע דעמאָנסטראַציע און ס'הויבט זיך אָן דער עקאָנאָמישער שטרייק. עס קומט פאָר אַ קאָלאָסאַלער איבערברוך אין פאָלקס־לעבן, דאָס אַלטע קראַכט און פאַלט, און דער פּראָלעטאַריאַט, זיך אַרויסגע־רוקט אויפן אויבן אָן, רעאַליזירט אָפּט אויף אַ „פאַרכאַפּונגס־אופן" זיין רעכט אויף אַ בעסער לעבן און פירט זיגרייך אייַן די פאַרבעסערונגען, וועלכע ער האַלט פאַר נויטיק. דערביי געשעט אַזוי, אַז די פּאָליטישע זייט פון דער באַוועגונג פאַרטושט די ריין עקאָנאָמישע דעראָבערונגען, און קיין שום ספּעציעלע רעגיסטראַ־ציע פון אָט די דעראָבערונגען פירט מען נישט דעריבער, בפרט אַז די שטרייקן ווערן אַ סטיכישע באַוועגונג, און די אָרגאַניזאַציעס באַוויייזן כמעט נישט צו קאָנטראָלירן און אָנפירן מיט איר. אין די קאָרעספּאָנדענצן, וואָס פאַרשידענע אָרגאַניזאַציעס האָבן צו־געשיקט אין בונדישן אָרגאַן „לעצטע נאַכריכטן", טרעפן מיר אָפט קורצע ידיעות, אַז אין דער און דער שטאָט האָבן געשטרייקט „אַלע מלאכות", אָדער „ביי אונז איז אַן עפּידעמיע פון שטרייקן", אָבער קיין גענויע אָנווייזונגען וועגן כאַראַקטער פון די דאָזיקע שטרייקן געפינען מיר נישט, אין ס'רוב פאַלן ווערט בלויז צוגעגעבן, אַז די שטרייקן האָבן זיך געענדיקט מיטן נצחון פון די אַרבעטער.

פון די 119 מיטטיילונגען וועגן שטרייקן, וואָס מיר האָבן פאַר דעם ערשטן האלבן יאָר 1905, האָבן זיך 81 פאַלן (68%) געענדיקט מיט אַ פולן אָדער כמעט פולן נצחון, 23 פאַלן אָדער ארום 20% — מיט אַ טיילווייזן נצחון, 5 פאַלן אָדער ארום 5% — מיט אַ מפּלה. אין 10 פאַלן איז גאָר נישט אָנגעוויזן דער רעזולטאַט פון די שטרייקן. פון אַלע געוואונענע שטרייקן האָבן זיך 50% געענדיקט מיט איינפירן אַן ארבעטס-טאָג פון 10 אָדער 10½ שעה, 30% — מיט איינפירן אַ 9-שעהדיקן אַרבעטס-טאָג, 10% — מיט אַן 8-שעהדיקן ארב.-טאָג, און ענדלעך — 10% מיט אַן 11 און מער שעהדיקן ארב.-טאָג (אין קליינע שטעטלעך). אַן 8-שעהדיקער אַרב.-טאָג איז איינגעפירט ביי דער מערהיים בערשטער און לעדער-אַרבעטער און אין איינצלנע אונטערנעמונגען אין ווארשע, דווינסק, באָריסאָוו, פּרילוקי און אנד. פון די סאַמע גרויסע שטרייקן פאַר דעם פעריאָד וועלן מיר דאָ דערמאָנען דעם שטרייק אויף שערעשעווסקיס טאַבאַק-פאַבריק אין גראָדנע, ביי אַ צאָל שטרייקנדיקע ביז 400. געדויערט האָט דער שטרייק 5 וואָכן, און האָט זיך געענדיקט מיט אַן אומבאַדייטנדיקער העכערונג פון לוין.

די העכערונגען פונם אַרבעטס-לוין האָבן זיך געוואקלט צווישן 10 און 80 פּראָצענט; מער אָפטער באַגעגנט זיך די פאָדערונג צו העכערן דעם לוין אויף 20 — 25 פּראָצ. דער דויער פון די שטרייקן וואַקלט זיך צווישן 1 טאָג און 3 חדשים.

אין זעלבן פעריאָד מאַכן זיך זייער אָפט פאַלן פון באָיקאָטירן אונטערנעמער. באָיקאָט ווערט געוויינלעך פּראָקלאַמירט פאַר אָפּזאָגן אַרבעטער אומגעזעצלעך, דערפאַר וואָס דער באַלעבאָס האָט איבערגעגעבן אַרבעטער אין די הענט פון פּאָליציי א. ד. גל. עס זענען געווען אויך פאַלן (די טערקישע בעקעריי אין לאָדז), ווען אַן אונטערנעמונג איז באָיקאָטירט געוואָרן פאַר נישט וועלן צושטיין צו אַן אַלגעמיינעם שטרייק. אין דער אַטמאָספער פון מיטגעפיל צום קאַמף פונם פּראָלעטאַריאַט, וואָס האָט דעמאָלט געהערשט, פלעגט דער באָיקאָט געוויינלעך זיך ענדיקן מיט אַ נצחון

פון די אַרבעטער, און נישט זעלטן האָבן די אונטערנעמער געמוזט שרייבן מעלדונגען צו דער אָרטיקער אָרגאַניזאַציע פון „בונד” און אָנערקענען זייער שולד לגבי די אַרבעטער *). פון דער צייט אָן גייט זעלטן אַ טאָג אַריבער, אַז אויף די שפּאַלטן פון די בונדישע אָרגאַנען זאָלן זיך נישט באַווייזן קיין מעלדונגען וועגן חרטה אָדער אַנטשולדיקונג פאַר די אַרבעטער מצד די באַלעבאַטים.

די פאַרבונדנקייט פון די בונדישע אָרגאַניזאַציעס מיט די ברייטע מאַסן אַרבעטער אין אָט דעם פּעריאָד פון עקאָנאָמישן קאַמף האָט זיך באַזונדער בולט אויסגעדריקט אין דעם, וואָס אויב די אָרגאַניזאַציעס האָבן נישט אַלע מאָל באַוויזן, צי נישט גע־האַט די מעגלעכקייט האַלטן אויפן אויג די אַנטשטייענדיקע שטרייקן

*) אָט איז אַ טעקסט פון זייער אַ כאַראַקטעריסטישער דערקלערונג פון פאַבריקאַנט גאַסטמאַן (וואַרשע):

### ד ע ר ק ל ע ר ו נ ג :

אָנערקענענדיק, אַז דעם באָיקאָט, וואָס דער „בונד” האָט אויף מיר אַרויפגעלייגט פאַר מיין שענדלעכן באַגיין זיך מיט די אַרבעטער (שלאָגן און אַפילו איבערגעבן עטלעכע מאָן אין די הענט פון פּאָליציי), האָב איך פולשטענדיק פאַרדינט; אָנערקענענדיק, אַז איך בין ווירקלעך שולדיק אין די אָנגעגעבענע אויף מיר באַשולדיקונגען, און ווענדיק אַראָפּוואַשן פון זיך אָט דעם שענדלעכן פלעק — ווענד איך זיך צום וואַרשעווער קאָמיטעט פון „בונד” מיט דער בקשה אַראָפּצונעמען פון מיר דעם באָיקאָט, און איך גיב פון פאָרויס מיין הסכּמה אויף די אַלע פאָדערונגען, וואָס דער „בונד” וועט מיר אַרויסשטעלן. די פאָדערונגען זענען פאָלגנדיקע: 1) אָפּזאָגן אייניקע שעדלעכע אַרבעטער, 2) באַצאָלן די אַרבעטער פאַר דער גאַנצער צייט, וואָס זיי זענען צוליב מיין שולד געווען אָן אַרבעט, 3) נישט אַרויסגעבן קיין אַרבעט אַהיים, 4 די אַרבעטער, וואָס מען וועט מיר אָנווייזן, 5) וועגן דעם אַלעמען אָפּדרוקן אַ מעלדונג, אין וועלכער ס'נישט איז צייטונג. — וואַרשע 23 יוני.
דוד גאַסטמאַן.

און אָנפירן מיט זיי, האָבן אָבער די שטרייקנדיקע אַליין זיך באַמיט וועגן צוציען די אויפמערקזאַמקייט פון די בונדישע אָרגאַניזאַציעס און פירן דעם קאַמף אונטער זייער אויטאָריטעטער פאָן. אַזוי, כמעט אין אַלע פאַלן פון סטיכיש אויסגעבראָכענע שטרייקן צווישן נישט אָרגאַניזירטע אַרבעטער, האָבן די לעצטע זיך געווענדעט צו די אָרגאַניזאַציעס פון „בונד" מיט דער בקשה איבערצונעמען די אָנפירונג מיט די שטרייקן און פאָרמולירן די פאָדערונגען. און נאָך כאַראַקטעריסטישער איז אָט וואָס: עס זענען רעגיסטרירט אַ סך פאַלן, ווען די אונטערנעמער האָבן זיך געווענדעט צו די בונדישע אָרגאַניזאַציעס מיט אָנפראַגעס, צי אָנערקענען זיי דעם שטרייק, וואָס איז ביי זיי אויסגעבראָכן, און אויב דער ענטפער איז געווען אַ פּאָזיטיווער, האָבן זיי תיכף נאָכגעגעבן.

וואָס ברייטערע מאַסן אַרבעטער דער עקאָנאָמישער קאַמף האָט פאַרכאַפּט, אַלץ מער איז אָט דער קאַמף געוואָרן אומאָפּהענגיק בנוגע די פּאָליטישע פּאַרטייען, און אַלץ מער האָט זיך געפילט די נויטיקייט צו שאַפן ספּעציעלע אָרגאַניזאַציעס, וואָס זאָלן אָנפירן מיט דער אַרבעטער־באַוועגונג אויפן געביט פון עקאָנאָמישן קאַמף און וואָס זאָלן באַשטיין נישט בלויז פון פּאַרטייִמענטשן, נאָר זיי זאָלן אַריינכאַפּן אפילו די סאַמע אָפּגעשטאַנענע עלעמענטן פונעם פּראָלעטאַריאַט. די פראַגע וועגן פּראָפעסיאָנעלע פאַריינען האָט זיך אַרויסגערוקט אויפן אויבן אָן.

דער מאַניפעסט פון 17 (30) אָקטאָבער 1905 האָט צווישן אַלע אַנדערע פרייהייטן „געשענקט" אויך די פרייהייט פון פאַריינען, און פאַר דער צווישנצייט — פון 17 אָקט. ביז דער ווידערגעבורט פון דער רעאַקציע אין דעצעמבער — איז איבערן גאַנצן לאַנד געגאַנגען אַ גראַנדיעזע רעוואָלוציאָנערע אַרבעט פון אָרגאַניזירן דעם פּראָלעטאַריאַט אין פּראָפעסיאָנעלע פאַריינען. כדי צו געבן אַ באַגריף וועגן דער אַרבעט, וואָס איז דעמאָלט אָפּגעטון געוואָרן אויף צו בילדן פּראָפ. פאַריינען, איז גענוג אָנצווייזן, אַז אין פּעטערבורג זענען פאַר די חדשים אָקטאָבער און נאָוועמבער געגרינדעט געוואָרן 40 פּראָפ. פאַריינען, אין מאָסקווע איז צו

דעצעמבער צו געווען אריבער 50 פראָפ. פאריינען א. א. וו.

אין ראיאָן פון בונדס טעטיקייט איז די פראָפ. באַוועגונג אויך געוואקסן אזוי אינטענסיוו, נאָר דאָ האָט זי ארויסגעוויזן אַנדערע טענדענצן אַביסל און האָט אָנגענומען אַן אנדער כאַראקטער, איידער אין איבעריקן רוסלאַנד.

אומעטום איז געווען אזוי, אַז די ברייטע מאסן־באַוועגונג, וואָס האָט זיך אויסגעדריקט אין דער אָרגאַניזירונג פון פראָפ. פאריינען, איז גלייך געוואָרן אומאָפּהענגיק פון די פאַרטיי־אָרגאַניזאַציעס; דער פרינציפּ פון נייטראַליזם באַקומט דאָ איבערהאַנט איבערן פּאַרטייאישן פּרינציפּ. אין ראיאָן פון „בונד" אָבער קומט פאָר אַנדערש: די פּראָפעסיאָנעלע באַוועגונג פון די יידישע אַרבעטער וואַרפט זיך פרייוויליק אונטער דער אָנפירונג פון „בונד". די זאַך דערקלערט זיך קודם כל דערמיט, וואָס דער „בונד" האָט שוין פון לאַנג אָן אוממיטלבאַר אָנגעפירט מיטן עקאָנאָמישן קאַמף פון דער יידישער מאַסע. אין דער געשיכטע פון דער באַוועגונג פון יידישן פּראָלעטאַריאַט איז נישטאָ קיין איין פּעריאָד, ווען דער „בונד" זאָל נישט ווי ווייט מעגלעך באַפרידיקן די באַדערפענישן פון דעם עקאָנאָמישן קאַמף פון די יידישע אַרבעטער, און דעריבער איז צווישן די יידישע אַרבעטער נישט אזוי גרויס דער תהום, וואָס טיילט אָפּ דעם אַוואַנגאַרד פון פּראָלעטאַריאַט — פון זיינע גרויסע מאַסן. און אויך אין געגעבענעם פאַל האָט די סטיכישע אָרגאַניזיר־שטרעמונג פון דער יידישער אַרבעטער־מאַסע נישט איבערגעיאָגט דעם „בונד" — ער האָט באַצייטנס גענומען די איניציאַטיוו צו אָרגאַניזירן פּראָפעסיאָנעלע פאַריינען; און פון דער אַנדער זייט האָט זיך די אַרבעטער־מאַסע אויך שוין אזוי איינגעלעבט מיט דער אָנפירונג פון „בונד", אַז זי האָט אין דעם פאַל אויך אָנגענומען די דאָזיקע אָנפירונג, ווי עפּעס נאַטירלעכעס און נויטווענדיקעס.

אומאָפּהענגיק פון אָט די היסטאָרישע סיבות רוקט דערביי דער „בונד" ארויס דעם פּרינציפּיעלן מאָטיוו, אַז אין איצטיקן מאָמענט באַדאַרף מען אָרגאַניזירן דווקא פּאַרטייאישע סאָציאַל-

דעמאָקראַטישע און נישט קיין נייטראַלע פּראָפעסיאָנעלע פאַריי־נען *) אין צירקולאַר־בריוו פון צ. ק. פון „בונד" וועגן פּראָפ. פאַריינען (נאָוועמבער 1905 **) ווערט אָט די מיינונג מאָטיווירט דערמיט, וואָס ביי דער „אָפּוועזנהייט פון וועלכע ס'נישט איז זיכערע פּאָליטישע גאַראַנטיעס... און דער עיקר ביי דער אומ־מעגלעכקייט פאַר דער סאָציאַל־דעמאָקראַטיע צו פירן אָפן און ברייט איר פּאָליטישן קאַמף און אַגיטאַציע", קאָן אמאָל די לי־בעראַלע און אפילו די נישט ליבעראַלע בורזשואַזיע אויסנוצן די פּראָפעסיאָנעלע באַוועגונג, כדי צו באַקומען א השפּעה אויף די אומבאַוווסטזיניקע אַרבעטער־מאַסן און אָפּציען זיי פון די סאָ־ציאַליסטישע פּאַרטייען, אָפּטעמפּן זייער רעוואָלוציאָנערישקייט. אָט פאַרוואָס דער „בונד" האָט געהאַלטן, אז מען מוז אָנווענדן אַלע כוחות, אז די סאָציאַל־דעמאָקראַטיע זאָל אָנפירן מיט די פּראָפעסיאָנעלע פאַריינען. גלייכצייטיק האָט דער צ. ק. אין זעלבן בריוו זיך אַרויסגעזאָגט פאַר אָרגאַניזירן דווקא בונדישע פּראָפע־סיאָנעלע פאַריינען, — ווייל די נאַציאָנאַלע סאָציאַל־דעמאָקראַטי־שע פּאַרטייען זענען נאָך דעמאָלט נישט געווען פאַראייניקט; צווישן די דאָזיקע פּאַרטייען זענען געווען שטאַרקע רייבונגען, און דער „בונד" האָט מורא געהאַט, די פּראָפעסיאָנעלע פאַריינען זאָלן נישט ווערן קיין נייע אַרענע פאַר רייסערייען.

אויף צו קאָאָרדינירן די אַרבעט, רעקאָמענדירט דער צ. ק. צו בילדן אין יעדן אָרט צווישן־פּאַרטייאישע קאָמיסיעס, ד. ה. קאָמיסיעס פון פאַרטרעטער פון די פּאַרטייאישע פּראָפעסיאָנעלע פאַריינען. ווייטער ווייזט דער צ. ק. אָן אויף דער נויטיקייט „צו צוטרעטן תיכף און אומגעזאַמט צו דער אָרגאַניזירונג פון פאַריי־נען" און לייגט פאָר אַלס גרינד־קעמערלעך פון די פּראָפ. פאַריי־נען איינאָרדענען פאַרזאַמלונגען „פון די אָרגאַניזירטע, אין ברייטן זינען פון דעם וואָרט, אַרבעטער פון יעדן פאַך", און אויף אָט די

*) „דער בונד" נומ. 11.

**) „לעצטע נאַכריכטן" נומ. 255.

פארזאמלונגען זאָל אויסגעארבעט ווערן דער סטאַטוט פון פאַ. און געוויילט ווערן אַ ביוראָ.

אין אַ צירקולאַר־בריוו, פאַנאַנדערגעשיקט אין פעברואר 1906, זאָגט זיך דער צ. ק. אַרויס מכוח דער טאַקטיק, ביי וועל־כער ס'דאַרפן זיך האַלטן די בונדיסטן אין די פאַריינען פון ליבע־ראַלע פּראָפעסיעס, און ספּעציעל אין פאַריין פון לערער אין יידי־שע שולן, צוליבן צוזאַמענפאַר וואָס דער פאַריין האָט געזאָלט אין גיכן אָפּהאַלטן. „ביים באַהאַנדלען די פראַגע וועגן כאַראַקטער פון פאַריין, זאָגט זיך דאָרטן, דאַרפן אונזערע דעלעגאַטן פאַר־טיידיקן דעם געדאַנק צו בילדן אַ פּראָפ. פאַריין פון יידישע לע־רער אונטער דער אידעאישער אָנפירונג פון „בונד". ווייטער ווייזט דער צירקולאַר אָן, אויף וועלכע באַדינגונגען בונדיסטן קאָנען אַריינטרעטן אין פאַריין, אויב דער דאָזיקער פאָרשלאַג זאָל ווערן אָפּגעוואָרפן.

אויפן יסוד פון די דאָזיקע דירעקטיוון האָט זיך צום סוף יאָר 1905 אויסגעבילדעט אַ באַזונדערער טיפּ בונדישע פּראָפע־סיאָנעלע פאַריינען. לויטן פאָרשלאַג פון צ. ק.*) זענען אין די סטאַטוטן פון די אַלע פאַריינען פאַראַן פונקטן וועגן דעם, אַז די פאַריינען שטייען אויפן באָדן פון קלאַסן־קאַמף און אַנערקענען די אָנפירונג פון „בונד"; אַ געוויסן פּראָצענט פון זייערע הכנסות געבן זיי אָפּ לטובת דעם „בונד"; אין ביוראָ פון יעדן פאַריין גייט אַריין אַ פאָרשטייער פון דער אָרטיקער בונדישער אָרגאַניזאַציע; אין אייניקע שטעט האָט דער דאָזיקער פאָרשטייער וועטאָ־רעכט ביי אַלגעמיינע פראַגן פון פּראָגראַם און טאַקטיק (ווילנע, וואַר־שע). אייניקע פאַריינען (ווילנע) פאָדערן נאָך פון זייערע מיט־גלידער צו אַנערקענען דעם פּאַרלאַמענטאַריזם — כדי זיך צו באַ־וואָרענען פאַר אַ צושטראָם פון אַנאַרכיסטן. אַנדערע פאַריינען האָבן אַריינגעפירט אין זייערע סטאַטוטן אַ פונקט וועגן דער אָב־ליגאַטאָרישקייט צו פייערן דעם 1 מאַי (לאָדז).

---

*) „ל. ב." נומ. 255.

די טעטיקייט פון די פאריינען האָט גלייך, פון ערשטן מאָ־מענט פון זייער עקזיסטענץ, באקומען א גרויסן פארנעם און האָט זיך אויסגעדריקט אין פארשיידנערליי פאָרמען. אויפן ערשטן פלאַן איז נאַטירלעך, געווען דאָס אָנפירן מיטן עקאָנאָמישן קאַמף, אָבער א סך פאריינען האָבן זיך געפרווט קעמפן אויך מיט דער ארבעטסלאָזיקייט, אָרגאַניזירנדיק הילף מיט געלט, מיט שפייז־פּראָדוקטן, אָדער זאָרגנדיק פאר א גלייכמעסיקער פארטיילונג פון דער ארבעט. די פאריינען האָבן זיך באלד דערשלאָגן א פעסטע אויטאָריטעטע שטעלונג, און די אונטערנעמער האָבן געמוזט זיך רעכענען מיט זיי. זיי האָבן איינגעשטעלט דעם אינערלעכן רעגו־לאַמין אין די װאַרשטאַטן און פאבריקן, און אין פיל שטעט האָבן זיי זיך דערשלאָגן, אז די אונטערנעמער האָבן נישט געהאט קיין רעכט אָפּצוזאָגן אָדער צונעמען ארבעטער אָן זייער וויסן. א סך פאריינען (ווילנע) האָבן אָרגאניזירט קלובן, פארלעזונגען, ביב־ליאָטעקן. מען דאַרף אָבער זאָגן, אז מחמת מאנגל אין מענטשן און אין מיטלען איז די קולטור־טעטיקייט פון די פאריינען נישט געווען פון אזא פארנעם, אז זי זאָל מער ווייניקער באפרידיקן די באדערפענישן פון די מיטגלידערשאפט. ווען דער „בונד“ האָט ארגאניזירט אלגעמיינע פאָליטישע שטרייקן, געפירט א וואל־קאמ־פאניע א. א. וו., האָבן די פאריינען מיט דערפאָלג אויסגעפירט די דירעקטיוון פון דער פארטיי. דעם פרינציפ פון נייטראליזם אין דער פראָפעס. באוועגונג האָבן אין בונדישן ראיאָן פארטיי־דיקט די אָרגאַניזאציעס, וועלכע זענען דאָרטן געווען שוואך פאר־בונדן מיט דער מאסע און האָבן געהאָפּט, אז דורך די פּראָפ. פאריינען וועלן זיי זיך מיט איר פארבינדן. דאָס איז געווען די טאַקטיק פון די גרופּעס פון דער רוסל. סאָצ. דעמ. ארב. פארטיי און פון די ס. ס.

צום באדויערן האָבן מיר נישט קיין גענויע ידיעות וועגן דעם, וויפיל איז פאר דער צייט אָרגאניזירט געוואָרן ביי אונז בונדישע פּראָפעסיאָנעלע פאריינען. די קאָרעספּאָנדענצן פון פאר־שידענע שטעט, אין דער טאָג־צייטונג פון „בונד“, זענען פול מיט

מיטיילונגען, אז „אלע פּאַכן" זענען אָרגאַניזירט געוואָרן אין פּראָפּ. פאַריינען, אָבער נאָר זעלטן ווערן געבראַכט גענויערע פּרטים. אין די באַריכטן פון די דעקעגאַטן פון די בונדישע פּראָפּ. פאַריינען אויף דער צווייטער אַלרוסלענדישער קאָנפערענץ פון פּראָפּ. פאַריינען, אין פעברואר 1906, געפונען מיר אָנווייזונגען, אַז אין וואַרשע איז צו יענער צייט געווען 10 בונדישע פּראָפּ. פאַריינען, אין ווילנע — 19 פאַריינען, מיט אַ צאָל אַרבעטער ביז 5000, אין לאָדז, צום סוף נאָוועמבער 1905 — 8 פאַריינען. אַ חוץ דער האָבן מיר פאַר דעם פעריאָד ידיעות פון מאָהילעוו, וווּ אין מאַי 1906 האָט זיך גערעכנט 11 בונדישע פּראָפּ. פאַריינען, מיט 808 מיטגלידער*) זעלבסטפאַרשטענדלעך, אַז די דאָזיקע צופעליקע ידיעות גיבן אפילו נישט קיין לערכדיקן באַגריף וועגן אמתן פאַרנעם פון דער פּראָפעסיאָנעלער באַוועגונג אין „בונד".

נאָכדעם ווי דער מאָסקווער אויפשטאַנד, אין דעצעמבער 1905, איז געוואָרן דערשטיקט, הויבט זיך אָן אַ נייער פעריאָד פון שוואַרצער רעאַקציע. ווי מען האָט געקאָנט דערוואַרטן, וואַרפט זיך די רעגירונג קודם כל אויף דער אַרבעטער־באַוועגונג, און עס הויבט זיך אָן אַ צייט פון רדיפות אויף די פּראָפעסיאָנעלע פאַריי־נען. אין צענטראַל־רוסלאַנד איז די פּראָפעסיאָנעלע באַוועגונג כמעט ווי פאַרניכטעט; אין ראַיאָן פון „בונד" איז זי אויך שטאַרק אָפּגעשוואַכט, אָבער די פאַריינען עקזיסטירן ווייטער, הגם זייער טעטיקייט איז אַן אומבאַדייטנדיקע. דער עקאָנאָמישער קאַמף הערט צייטווייליק אויף; און ביי דער אַלגעמיינער מידקייט, וואָס הערשט נאָך אַזאַ לאַנגער און אומגעהויערער אָנשטרענגונג פון די קאַמפס-כוחות, מוז דער פּראָלעטאַריאַט ערשט ווידער אָנ־שטרענגען זיין גאַנצע ווידערשטאַנד־קראַפט, כדי איינצוהאַלטן כאָטש אַ טייל פון דעם, וואָס מען האָט דעראָבערט אין קאַמף.

חאָס יאָר 1906, האָט זיך, אַזוי אַרום, אָנגעהויבן אונטערן צייכן פון שטילשטאַנד אויפן געביט פון עקאָנאָמישן קאַמף. אָבער

*) „פאָלקסצייטונג", 1906, נומ. 66.

אין אַט די רעוואָלוציאָנערע יאָרן זענען אפילו די צייטן פון שטיל־שטאַנד אויך רייך מיט פּראָלעטאַרישע אַרויסטרעטונגען, און דער־ביי גיים אינעווייניק אין די ארבעטער־אָרגאַניזאַציעס אן אומ־אויפהערלעכע אַרבעט פון זעלבסטבאַשטימען זיך.

אין ראיאָן פון „בונד" פירט זיך ווייטער דער עקאָנאָמישער קאַמף, הגם ער ווערט אָן זיין דעמאָנסטראַטיוו־רעוואָלוציאָנערן קאַמף־כאַראַקטער; אין די בונדישע אָרגאַנען קומען אָן טאָג נאָך טאָג ידיעות וועגן שטרייקן, וועלכע כאַפּן ס'רוב אַרום גאַנצע פאַכן אין דער געגעבענער שטאָט. די הויפּט־פאָדערונגען זענען ווידער — קירצן דעם אַרבעטס־טאָג און העכערן דעם אַרבעט־לוין. לויט די מיטטיילונגען פון די קאָרעספּאָנדענטן, פאַרענדיקן זיך די שטרייקן מייסטנס מיטן נצחון פון די אַרבעטער.

פון די מער באַדייטנדיקע שטרייקן לאָמיר דערמאָנען די צאָלרייכע שטרייקן פון די לעדער־ארבעטער (קרינקי — 1000 מאָן, סאָקאָלקי — 500 מאָן א. א. וו.), פון די בערשטער (קאַל־וואַריע, ווילקאָווישקי, מעזריטש א. א.), אויף די שוועבעלעך־פאַב־ריקן (באָריסאָוו — 1000 מאָן, מאָזיר — 500 מאָן), אויף די טאַבאַק־פאַבריקן (פרילוקי, ווילנע), אין די דרוקערייען (ווילנע— 110 מאָן).

די פּראָפעסיאָנעלע פאַריינען לעבן איבער אן אינערלעכן אָר־גאַניזאַציאָנס־קריזיס. פריער האָט די אָפענע, נישט קאָנספּיראַטי־ווע עקזיסטענץ פון די פּראָפעסיאָנעלע פאַריינען צוגעצויגן צו זיי די ברייטע מאַסן; די פאַרבינדונג מיט דער מאַסע איז געוואָרן אונטערגעהאַלטן דורך סיסטעמאַטישע פאַרזאַמלונגען, וועלכע פלעגן דורכגיין אין גרויסער באַגייסטערונג, און דורך דעם זיג־רייכן עקאָנאָמישן קאַמף. די רדיפות, וואָס די רעגירונג האָט אָנ־געהויבן קעגן די פּראָפעסיאָנעלע פאַריינען, האָבן באַלד אָפּגעריסן פון זיי די מער שרעקעוודיקע עלעמענטן, און די זעלטנקייט פון פאַרזאַמלונגען, מחמת די אומגינסטיקע פּאָליציייאישע באַדינגונ־גען, און דער שטילשטאַנד פון דער שטרייק־באַוועגונג האָבן מיט־געהאָלפן דערצו, אַז די מאַסע איז ווידער געוואָרן צעשטויבט, איר

פאַרבינדונג מיט די פּראָפּ. פאַריינען איז געוואָרן שוואַך, און אין
פיל פאַריינען האָט איצט פונקציאָנירט בלויז די אייגע ביוראָ.
מען הויבט זיך אָן קלאָגן (ווילנע) דערויף, אַז די פאַריינען ווערן
אַלץ מער דורכגעדרונגען מיטן גייסט פון פּראַקטיציזם, פון פּראָ-
פעסיאָנאַליזם, אַז דער אינטערעס צו אַלגעמיינע פּאָליטישע פראַגן
ווערט אָפּגעטעמפּט, און די פאַרטרעטער פון „בונד” אין די פאַ־
ריינען פילן אַלץ אָפטער זייער מאַכטלאָזיקייט אויפן געביט פון
אידעאישער אָנפירונג, — אָבער די אָרגאַניזאַציאָנעלע פאַרבינ־
דונג מיטן „בונד“ האָט אין ערגעץ קיינמאָל נישט אויפגעהערט.
און נישט געקוקט דערויף וואָס יעדער פאַריין באַזונדער האָט פונק־
ציאָנירט נישט גאָר נאָרמאַל, איז פונדעסטוועגן די אַלגעמיינע
צאָל בונדישע פּראָפּ. פאַריינען נאָך ווייטער געוואָקסן. אין א גאַנ־
צער רייע שטעט און שטעטלעך בילדן זיך אַלץ נייע און נייע פאַ-
ריינען, און טאָמער קומען אום פאַריינען אין איין שטאָט, ווערט
דאָס קאָמפּענסירט נאָך מיט אן עודף דורך ניי־אַנטשטאַנענע פאַ־
ריינען אין אן אנדער שטאָט. ווי א גרויסע געשעעניש אין דער
געשיכטע פון די בונדישע פּראָפעסיאָנעלע פאַריינען פאַר די לעצ־
טע 1½ יאָר פון באַריכט־פּעריאָד דאַרף פאַרעכנט ווערן דער באַ-
שלוס פון גרינדונגס־צוזאַמענפאָר פון בערשטער־פאַרבאַנד*) (סעפּ־
טעמבער 1906), ווו ס'זענען געווען פאַרטראָטן 15 פאַריינען מיט
1530 מיטגלידער — אַז דער ניי-געגרינדעטער אַלגעמיינער בערש־
טער־פאַרבאַנד שטעלט זיך אונטער דער אָנפירונג פון „בונד“.
דער גרינדונגס־צוזאַמענפאָר פון לעדער־אַרבעטער („דער גאַרבער־
בונד“; מערץ 1907), ווו ס'זענען געווען פאַרטראָטן 16 פאַריי-
נען (פון צפון־מערב־קאַנט), פון א טייל פוילן און פון דרום קאַנט)
מיט א 4—4½ טויז. מיטגלידער, האָט אויך אָנגענומען דעם
בונדס פּרינציפּ, אַז ס'איז געווונטשן, דער אַלגעמיינער פּראָפע־
סיאָנעלער פאַרבאַנד פון לעדער־אַרבעטער זאָל זיין א פּאַרטיי־

*) אן אומלעגאַלער פאַרבאַנד פון יידישע בערשטער-אַרבעטער, האָט
עקזיסטירט נאָך פון אָנהויב 90-קער יאָרן.

אישער, א סאָציאַל־דעמאָקראַטישער, און אז ס'איז צוועקמעסיק צו אָרגאַניזירן אינעווייניק אין די פאַריינען אויף די ערטער נאַ־ציאָנאַלע סעקציעס, „ווייל, ווי די רעזאָלוציע זאָגט, א חוץ דעם דירעקטן קאַמף פאַר פאַרבעסערן די לאַגע פון די אַרבעטער גייט נאָך אריין אין די אויפגאבן פון די פאַריינען אויך קולטור־אַרבעט, און אין דעם צווייג פון אַרבעט מוז מען זיך רעכענען מיט די נאַ־ציאָנאַלע אייגנשאַפטן פון באַזונדערע טיילן פּראָלעטאַריאַט“.

די סאַמע אַקטועלסטע פראַגע פאַר די פּראָפעסיאָנעלע פאַ־ריינען אין אָנהויב 1906 איז געווען די פראַגע וועגן לעגאַליזאַציע. די זאַך איז די, וואָס ביז דעמאָלט האָבן אַלערליי פאַריינען און חברות עקזיסטירט אין רוסלאַנד אויפן יסוד פון פאַרכאַפּטע רעכט, אויפן סמך פון די צוזאָגן אינם מאַניפעסט פון 17 אָקטאָ־בער, און זיי האָבן דעריבער נישט געוואָלט וויסן פון קיינע שום באַגרענעצונגען און האָבן זיך נישט אונטערגעוואָרפן אונטער קיין שום רעגירונגס־קאָנטראָל. נאָכן אָפּגעהאַלטענעם זיג איבער דער רעוואָלוציע, האָט די רוסישע רעגירונג נישט געקאָנט מער טאָ־לערירן אַזאַ לאַגע, און זי גיט אַרויס א געזעץ, וואָס דאַרף אומ־שעדלעך מאַכן די פאַריינען, פאַרשמעלערן די ראַמען פון זייער טעטיקייט און זיי שטעלן אונטער דער אויפזיכט פון פּאָליציי.

די צייטווייליקע תקנות פון 4 מערץ 1906 „וועגן געזעל־שאַפטן און פאַריינען“ האָבן געזאָלט צו נישט מאַכן די פריערדי־קע ברייטע טעטיקייט פון די פאַריינען, און די פאַריינען האָבן באַדאַרפט לייזן די פראַגע — צי זיך לעגאַליזירן און פירן די אַר־בעט אין די ענגע ראַמען פון נייעם געזעץ, אָדער איגנאָרירן דעם געזעץ און עקזיסטירן ווייטער אומלעגאַל, אַבי זיך נישט זעלבסט־באַגרענעצן.

די אַלרוסלענדישע צווייטע קאָנפערענץ פון פּראָפ. פאַריינען, וועלכע איז פאַרגעקומען ערב דעם דערשיינען פון געזעץ, געפינט אַיין, אַז די „לעגאַליזאַציע פון די פּראָפעסיאָנעלע פאַריינען ביי די איצטיקע פּאָליטישע באַדינגונגען איז לחלוטין אוממעגלעך“, נאָר, לייענען מיר ווייטער אין דער אַנטשפּרעכנדיקער רעזאָלוציע,

„אויב דער פּראָיעקטירטער געזעץ וועט אריין אין קראַפט, האַלט די קאָנפערענץ פאַר דערלאָזבאַר, אַלס אויסנאַם, ווען די עקזיס־טענץ פון א פאריין אויף אַנדערע יסודות איז בשום אופן נישט מעגלעך, אויסנוצן דעם דאָזיקן געזעץ, פאַרוואַנדלענדיק אים פון א געצייג אויף פאַרקנעכטן דעם אַרבעטער־קלאַס אין אַן אויס־גאַנג־פּונקט פאַר א נייעם נאָך מער עקשנותדיקן קאַמף צו דער־שלאָגן זיך דאַס רעכט פון שטרייקן און קאָאַליציע“.

דער צ. ק. פון „בונד“ האָט אין אַלגעמיין זיך אויך געהאַלטן ביים זעלבן שטאַנדפּונקט. אין זיין צירקולאַר־בריוו*) פון יוני ווייזט דער צ. ק. אָן, אַז די אומלעגאַלע אָרגאַניזאַציע קאָן נישט ווערן די אָרגאַניזאַציע פון ברייטע מאַסן, און ווי ענג ס'זאָלן נישט זיין די ראַמען פון נייעם געזעץ, גיבן זיי דאָך א מעגלעכ־קייט צו פאַרמזעצן דעם פּראָפעסיאָנעלן קאַמף פון די ברייטע אַרבעטער־מאַסן. מען דאַרף בלויז, אַז אין דער פּ ראַ ק ט י ש ע ר אַרבעט זאָלן די פּראָפ. פאַריינען וואָס וויינינקער זיך רעכענען מיט די „געזעצלעכע“ ראַמען. א חוץ דעם איז נויטיק אויסצונוצן אַלע מעגלעכקייטן אויף זיך פאַרבינדן מיט יענע פּראָלעטאַרישע עלע־מענטן, וועלכע וועלן אין אומלעגאַלע אָרגאַניזאַציעס קיינמאָל נישט אַריינטרעטן, און אויף צו קאָנצענטרירן די כוחות פונם פּראָלעטאַריאַט. ביי דעם רעוואָלוציאָנערן אויפשטייג אין לאַנד און ביי דער פעסטער פאַרבינדונג, וואָס איז פאַראַן צווישן די פּאָליטישע אָרגאַניזאַציעס פון „בונד“ און דער יידישער אַרבע־טער־סביבה, האָט דער צ. ק. קיין מורא נישט, די פּראָפעסיאָנעלע פאַריינען זאָלן ביי לעגאַליזאַציע אַראָפּ פון די רעוואָלוציאָנערע רעלסן, און ער לייגט דעריבער פאַר אַלע פאַריינען צו לעגאַליזירן זיך.

כמעט אַלע גרעסערע בונדישע פּראָפעסיאָנעלע פאַריינען האָבן טאַקע אַזוי געטון, געפאָלגט די עצה פון צ. ק.; אין אויסנאַם

*) „פּאָלקסצייטונג“ נומ. 83, 1906.

איז נאָר דער אַלגעמיינער בערשטער-בונד, וועלכער האָט אויף זיין צוזאמענפאָר באַשלאָסן זיך נישט לעגאַליזירן.

פון דעם מאָמענט הויבט זיך אָן א קאמף פון די פראָפ. פאַריינען פאר זייערע רעכט, און די פאריינס-מיטגלידער באַקומען אַפט פראַקטישע לעקציעס פון פּאָליטישער דערציונג. זעלטן ווען עס גייט אַדורך א מיטגלידער-פארזאמלונג אָן א צוזאמענשטויס מיטן אַנוועזנדיקן פּאָליציי-מאַן, וועלכער גיט אכטונג, אז אויף דער פארזאמלונג זאָלן זיך נישט דורכשמוגלען קיין זייטיקע מענטשען און אז די רעדנער זאָלן נישט בארירן קיין אַלגעמיינע פּאָליטישע פראגן. באַזונדער אָפט זענען געווען צוזאמענשטויסן צוליב דעם, וואָס מען האָט פארווערט צו רעדן יידיש אויף די פארזאמלונגען. דער רוב יידישע ארבעטער פארשטייען נישט קיין רוסיש און נאָך וויניקער קאָנען זיי זיך אויפריידן אויף רוסיש; די אַנוועזנדיקע פּאָליציי-לייט פאָדערן אָבער, מען זאָל דורכאויס נוצן נאָר די רוסישע שפראך. צוליב דעם איז אָפט גאָר אוממעגלעך געווען צו פירן די פארזאמלונגען, און מען האָט זיי דעמאָנסטראַטיוו פאנאנדערגעלאָזט. די דאָזיקע צוזאמענשטויסן האָבן אויסגעלערנט די אַרבעטער צו קוקן אויף דער לעגאַליזאציע ווי אויף אַ פארדרייסלעכע נאָר אוםפארמיידלעכע פאָרמאַליטעט, וואָס מען מוז זען, ווי ווייט מעגלעך זי אומשעדלעך מאכן דורך אָפּנאַרן דעם געזעץ.

כדי צו פארענדיקן מיט דער פראגע וועגן דער באַציונג פון „בונד" צו די פראָפעסיאָנעלע פאריינען, וועלן מיר נאָך אָנווייזן אויף דער רעזאָלוציע פון דער 7 קאָנפערענץ פון „בונד" (מערץ 1906) וועגן פראָפ. פאריינען. די רעזאָלוציע קאָנסטאטירט, אז פּראָפעסיאָנעלע פאריינען קאָנען נישט אין דער פולער מאָס אויספילן זייער אויפגאבע, אַלס אינסטרומענט פון פּראָלעטארישן קלאסן-קאמף, אויב זיי זענען אָפּגעריסן פון דער סאָציאל-דעמאָקראטישער פּארטיי; זיי פארקריכן לייכט אין דער זייט פון שמאָלן פּראָפעסיאָנאַליזם אָדער פון רעוואָלוציאָנערן סינדיקאַליזם און

זוערן אפט אן ארענע פון קאמף צווישן די פארשידנארטאקע עלע־מענטן, וועלכע גייען אריין אין באשטאנד פון נייטראלע פארייגען. אנערקענענדיק ווייטער די ענגע שייכות, וואס איז פאראן צווישן דער פאליטישער פארטיי פון פראלעטאריאט און זיין עקא־נאמישן קאמף, געפינט די קאנפערענץ, אז נאר די ענגע פארבינ־דונג צווישן די פראפעסיאנעלע פאריינען און דער סאציאל־דע־מאקראטיע קאן באוואָרענען די אלזייטיקע אנטוויקלונג פונם קלאסן־קאמף. רעכענענדיק זיך דערמיט, אז לעת עתה איז נישטא קיין איינהייטלעכע רוסלענדישע סאָצ. דעמאקראטישע פארטיי, לייגט פונדעסטוועגן די קאנפערענץ פאר, אז אין די ערטער זאָל די סאָצ. דעמאקראטישע ארגאניזאציעס האלטן זיך, ווי דער „בונד“, ביי פארטייאישע סאָצ. דעמאקראטישע פראָפ. פאריינען, זאל מען בילדן אלגעמיינע פראָפ. פאריינען, מיט פארטרעטער־שאפט פון די אלע ארגאניזאציעס. ווייטער האלט די קאנפערענץ, אז פראָפ. פאריינען קאנען נאר דעמאלט מיט דערפאלג פירן דעם עקאנאמישן קאמף, ווען זיי נעמען ארום אלע ארבעטער פון גע־געבענעם פאך, אן אונטערשייד פון נאציע. ארויסגייענדיק דערי־בער פון פרינציפ וועגן אלגעמיינע פאריינען, רעקאמענדירט די קאנפערענץ צו ארגאניזירן אין די דאזיקע אלגעמיינע פאריינען נאציאנאלע סעקציעס, אויף אנצופירן מיט דער קולטור־ארבעט פון יעדער נאציע, וואס גייט אריין אין באשטאנד פון געגעבע־נעם פאריין.

האלטענדיק זיך ביי די דאזיקע גרונט־הנחות, האט דער „בונד“ באוויזן פאר לערך א קורצע צייט דורכצומאכן א קאלא־סאלע ארבעט פון ארייַנפירן אין דער ארבעטער־באוועגונג צענט־ליקער טויזנטער יידישע ארבעטער.

סוף 1906 און אנהויב 1907 איז א צייט פון שווערע נסיו־נות פאר דער יונגער אבער שוין פיל געפרווטער רוסלענדישער פראפעסיאנעלער באוועגונג און פארן עקאנאמישן קאמף פונם רוסלענדישן פראלעטאריאט. עס איז א צייט פון אויסערגעוויינ־לעכער ארבעטסלאזיקייט, ווען עס מאכן זיך אפילו פאלן פון

הונגער־טויט (לאָדז, פּעטערבורג) און ווען דער קאַפּיטאַל פירט אַן ענערגישן אָנגריף קעגן די אָרגאַניזירטע קרעפטן פונם פּראָלעטאַריאַט. פאַרן די יאָרן רעוואָלוציע האָט זיך ביי די רוסלענדישע אונטערנעמער אָנגעקליבן פיל האַס און פאַרביטערונג קעגן פּראָלעטאַריאַט, וועלכער האָט זיי טאָג ביי טאָג געגעבן צו פילן זיין מעכטיקייט. ווען עס האָבן זיך באַוויזן די פּראָפעסיאָנעלע פאַריינען און זיי האָבן נישט נאָר אָנגעפירט מיט שטרייקן, נאָר זיי האָבן זיך אויך געמישט אין דעם אינערלעכן גאַנג פון דער אַרבעט אין די פאַבריקן און וואַרשטאַטן, קאָנטראָלירט דעם צונעם און אָפּזאָג פון אַרבעטער א. א. וו., האָט דאָס אַריינגעטראָגן אַ שטענדיקע געריצטקייט אין דער סביבה פון די אונטערנעמער. די קאַפּיטאַליסטן האָבן דערפילט, אַז זיי האָבן אויפגעהערט צו זיין פולמעכטיקע באַלעבאַטים, אַז זיי זענען געפּענטעט דורך אַ כוח, וואָס לויט דער קאַפּיטאַליסטישער לאָגיק דאַרף ער זיך גאָר זיי בלינד אונטערוואַרפן, און זיי האָבן אַרויסגעקוקט אויפן מאָמענט, ווען זיי זאָלן קאָנען אָט דעם כוח דערשטיקן, לאַנגע חדשים רעגירונגס־רעאַקציע, די אַפּאַטיע, וואָס האָט ווידער אָנגעהויבן פאַרסמען דאָס געזעלשאַפטלעכע לעבן פון רוסלאַנד, די מידקייט פונם פּראָלעטאַריאַט, דאָס פאַלן פון דער רעוואָלוציאָנערער ענערגיע און דער עקאָנאָמישער קריזיס — האָבן געשאַפן דעם גינסטיקן דערויף מאָמענט. דער קאַפּיטאַל האָט זיך אָרגאַניזירט, כדי צו צעברעכן די אָרגאַניזאַציע פונם פּראָלעטאַריאַט.

עס האָט זיך אָנגעהויבן אַ פּעריאָד פון לאָקאַוטן. בנוגע צו די יידישע אַרבעטער, וועלכע אַרבעטן ס׳רוב אין קליינע וואַרשטאַטן, זענען די לאָקאַוטן נישט געווען אַזעלכע ריזיקע און שאַרפע, ווי די לאָקאַאוטן אין לאָדז, ביי פּאָזנאַנסקין, ביי שייבלערן א. א., אָבער לויט זייער תוך נאָך און לויט דער בשותפותדיקער פאַר זיי אַלע טענדענץ, מעג מען די קליינע לאָקאַוטן, פון וועלכע ס׳האָבן געליטן די יידישע אַרבעטער, שטעלן אין איין רייע מיט די גרויסע לאָדזער לאָקאַאוטן. אַלע זענען זיי געווענדעט קודם כל קעגן די פּראָפעסיאָנעלע פאַראיינען און קעגן דער פּאַרטייאישער

אָרגאַניזירטקייט, קעגן קאָלעקטיוון ווילן פון די אַרבעטער. אויב פּאָזנאַנסקי באַשטייט אויף זיין רעכט אַרויסצוּוואַרפן פון איינ־קע פאַבריק־אָפּטיילונגען יעדן פינפטן און פאַרלאַנגט אַן אונטער־שריפט פון די אַרבעטער, אַז זיי וועלן אַרבעטן אויף די באַדינ־גונגען, וואָס די פאַבריקאַנטן וועלן פאָרמולירן א. א. וו. — פאָ־דערן די באַלעבאַטים פון די בערשטל־פאַבריקן אין פּוילישן ראַ־יאָן פון זייערע יידישע אַרבעטער נאָטאַריעלע אונטער־שריפטן, אַז זיי וועלן נישט מאַכן קיין שטרייקן, אַז זיי וועלן לאָזן פאַר די באַלעבאַטים דאָס רעכט אָנצונעמען און אָפּצוזאָגן וועמען זיי ווילן, און ווען זיי ווילן. דער באַלעבאַטים־צוזאַמענ־פאָר פון אָט דער פּראָדוקציע, וואָס איז פאָרגעקומען אין ווילקאָ־ווישקי, באַשליסט צווישן אַנדערן: 1) נישט האָבן קיין באַציונגען מיט דער ביוראָ פון פּראָפעסיאָנעלן פאַריין, און 2) מיט דער הילף פון פּאָליציי אַרויסשיקן די סאַמע געפערלעכסטע פאַר זיי אַר־בעטער. די באַלעבאַטים פון די לעדער־זאַוואָדן אין מאָהילעווער גובערניע דערקלערן א לאָקאַוט און פאָרמולירן דערביי אויף א כאַראַקטעריסטישן אופן זייער הויפּט-פאָדערונג צו די אַרבעטער— אַז „באַלעבאַטים“ אויף זייערע פאַבריקן דאַרפן זיין זיי, און נישט די אַרבעטער. די עפּידעמיע פון לאָקאַוטן האָט אַרומגעכאַפּט נישט נאָר די גרויסע פּראָדוקציע־צווייגן אין ראַיאָן פון „בונד“, נאָר זי האָט זיך פאַרשפּרייט אויך איבער אַלע צווייגן פון האַנט־ווערק. עס האָבן דערקלערט לאָקאַוטן שניידער (מינסק, וואַר־שע א. א.), שוסטער (וואַרשע), בעקער א. א. וו., און אומע־טום האָט זיך געוויזן די זעלבע טענדענץ, די זעלבע שטרע־בונג אומצוקערן דעם פּראָלעטאַריאַט צום פריערדיקן מצב פון אונטערטעניקייט לגבי דעם קאַפּיטאַל.

אָבער די אויסרעכנונגען פון די קאַפּיטאַליסטן, אָנצו־טרעפן אויף א מאַסע א מידע פון קאַמף און א נאָכגיביקע, האָבן זיך אַרויסגעוויזן פאַר פאַלש. דער געזונטער קלאַסן־אינסטינקט האָט אונטערגעזאָגט דעם פּראָלעטאַריאַט, אַז מען דאַרף אויפ־הויבן די געוואָרפענע הענטשקע און אַז אונטערגעבן זיך אָן קאַמף

הייסט אָפּשנײַדן זיך אויף לאַנג יעטווידן וועג פון קאַמף. די אָרגאַניזירטע אין „בונד“ אַרבעטער האָבן באַוויזן אַפילו פון די לאָקאַאוטן מאַכן אַן אויסגאַנג־פונקט פאַר אַ קאַמף פאַר ווײַטערדיקע עקאָנאָמישע אויסבעסערונגען און אין פיל פאַלן זענען זיי פאַרלאָפן די לאָקאַאוטן דעם וועג מיט שטרײַקן (וואַרשע — בעטן־פאַבריק פון ה' אַראָנאָוויטש), אָדער ווען דער לאָקאַאוט איז שוין דערקלערט געוואָרן, האָבן זיי קעגן די פאָדערונגען פון די באַלעבאַטים אַרויסגערוקט זייערע קאָנטער פאָדערונגען.

אַ פאַרזאַמלונג אין מעזריטש פון 500 בערשטער־אַרבעטער, וועלכע מען האָט אַרויסגעוואָרפן אויפן גאַס בעת אַ לאָקאַאוט, באַשליסט צו פאָדערן אַן 8 שעהדיקן אַרבעטס־טאָג, און אַז די באַלעבאַטים זאָלן אָנערקענען די ביוראָ פון פּראָפעסיאָנעלן פאַראײַן פאַרן אָפּיציעלן פאָרשטייער פון די אַרבעטער. אַ קאָנפערענץ פון בערשטער־אַרבעטער, צונויפגערופן אין צוזאַמענהאַנג מיט די לאָקאַאוטן, באַשליסט צווישן אַנדערן מעלדן די פאַבריקאַנטן, אַז אויב זיי וועלן שליסן די פאַבריקן, וועט מען דערנאָך נישט אָנהויבן אַרבעטן, ביז זיי וועלן נישט באַצאָלן פאַר דער צײַט פון שטרײַק. אין סוואַלקער גובערניע פאָדערן לעדער־אַרבעטער, געליטענע פון אַ לאָקאַאוט, מען זאָל אומקערן די אַרבעטער וואָס זענען אַרעסטירט און אַרויסגעשיקט געוואָרן צוליב דער שולד פון די באַלעבאַטים און מען זאָל דער ביוראָ פון פּראָפעסיאָנעלן פאַראײַן געבן דאָס רעכט צו פאַרטיילן די אַרבעט אויף די זאַוואָדן. מיר וואָלטן געקאָנט אָנווײַזן נאָך אויף אַ גאַנצע רייע ענלעכע פאַלן אין די פאַרשידענע האַנטווערק־פאַכן. אַרבעטער האָבן געהונגערט, די אָרימקייט איז דערגאַנגען ביז צו דער לעצטער מדרגה, אָבער די אַטאַקע פון די קאַפּיטאַליסטן אויף זייערע פּראָפעסיאָנעלע אָרגאַניזאַציע האָבן זיי אָפּגעשלאָגן. און די מחשבה פון די אונטערנעמער — אַנטוואָפענען די אַרבעטער, דעזאָרגאַניזירן זייערע רייען, צוריק אויפשטעלן זייער אומבאַגרעניצטע מאַכט איבער דער אַרבעט — איז נישט מקוים געוואָרן.

# III. די צווישנפּאַרטייאישע באַציונגען און די פּאַריי־ניקונג מיט דער ר.ס.ד.א.פּ.

דער שטרייט צווישן דער ר. ס. ד. א. פּ. און „בונד“, דעם בונדס אַרויסטריט פון דער פּאַרטיי אין 1903 און זיין נייער אָנשלוס, האַרבסט 1906, האָט הינטער זיך אַ לאַנגע געשיכטע, און נישט דאָ איז דאָס אָרט צו דערציילן זי באריכות. מיר וועלן פאַרצייכענען בלויז די הויפּט־מאָמענטן פון דער דאָזיקער געשיכטע.

דער ערשטער צוזאַמענפאָר פון דער רוסלענדישער סאָציאַל־דעמאָקראַטיע, אין מערץ 1898 (אין מינסק), האָט אַנערקענט דעם „בונד“ פאַר אַן אויטאָנאָמען טייל פון דער פּאַרטיי, וועלכער איז זעלבשטענדיק אין די פראַגן, וואָס זענען ספּעציעל נוגע דעם יידישן פּראָלעטאַריאַט. פאַקטיש אָבער האָט די סאָציאַל־דעמאָקראַטיע פאַר די פינף יאָר, צווישן ערשטן און צווייטן צוזאַמענפאָר, נישט עקזיסטירט אין רוסלאַנד, ווי אַ פאַראייניקטע פּאַרטיי. עס האָבן עקזיסטירט באַזונדערע קאָמיטעטן, גרופּעס און אַפילו גאַנצע פראַקציעס, נישט פאַראייניקטע צווישן זיך נישט דורך אַן איינהייטלעכן פּלאַן פון אַרבעט און נישט דורך אַן איינהייטלעכער טאַקטיק, שוין נישט רעדנדיק וועגן אַן איינהייטלעכער אָרגאַניזאַציע; דער „בונד“ האָט זיין אַרבעט פון פּראָפּאַגאַנדירן און פאַרשפּרייטן סאָציאַליסטישע אידעען צווישן יידישן פּראָלעטאַריאַט געפירט אינגאַנצן זעלבשטענדיק.

וואָס מער די יידישע אַרבעטער־באַוועגונג איז געוואַקסן,

וואָס מער דער „בונד“ האָט זיך פאַרוואַנדלט פון אַן ענגן קרייז פּראָפּאַגאַנדיסטן און אַגיטאַטאָרן אין אַ פּראָלעטאַרישע פּאַרטיי — פון אַ נאַציע, וועלכע לעבט אין אייננאַרטיקע סאָציאַלע און שטייגערישע באַדינגונגען — אַלץ מער קאָמפּליצירט זענען געוואָרן זיינע אויפגאַבן. אַ חוץ די ספּעציעלע רעפּרעסיעס מצד דער רעגירונג קעגן דער יידישער אַרבעטער־באַוועגונג—און גלייכצייטיק מיט די דאָזיקע רעפּרעסיעס — האָבן קעגן „בונד“ אָנגעהויבן אַ קאַמפּאַניע פאַרשידענע עלעמענטן פון יידנטום גופא. די רבנים און אָרטאָדאָקסן האָבן געלייגט דעם „בונד“ אין חרם, ווייל ער צעשטערט די געבאָטן און טראַדיציעס פון יידישקייט און טראָגט אַריין אַ שפּאַלטונג אין דעם כלומרשט אייניהייטלעכן „פאָלק ישראל“. שטרייקער און דעמאָקראַטן זענען געוואָרן זידל־ווערטער אויף דער יידישער גאַס. פון דער אַנדער זייט, האָבן קעגן „בונד“ אונטערגענומען אַ פאַרצווייפלטן קאַמף אַלערליי נאַציאָנאַליסטן און ציוניסטן, און האָבן דערקלערט דעם „בונד“ פאַר דעם איינציק שולדיקן אין אַלע צרות, וואָס האָט זיך געשאָטן אויפן קאָפּ פון יידן. די ציוניסטן, וועלכע זענען לכתחילה משתּדל געווען אַרויסגעטרעטן קעגן יעטווערן עקאָנאָמישן און נאַציאָנאַל־פּאָליטישן קאַמף, האָבן מיט דער צייט אָנגעהויבן אויסמיידן זיך באַזונדערע גרופּעס און פראַקציעס, וואָס האָבן ביסלעכווייז אונטערגעכאַפּט די עקאָנאָמישע און פּאָליטישע לאָזונגען פון יידישן פּראָלעטאַריאַט, כדי אין געפילדער פון דעמאַגאָגישע פּראַזע וואָס בעסער אויסבאַהאַלטן זייער רעאַקציאָנערן תוך און וואָס דערפאָלגרייכער באַקעמפן דעם „בונד“ — מיט זיין אייגן געווער. אין דער זעלבער צייט זענען געוואַקסן און האָבן זיך אויסגעברייטערט די נויטן און באַדערפענישן פון דער באַוועגונג גופא פון יידישן פּראָלעטאַריאַט, און עס האָבן זיך פאַרמערט זיינע פאָדערונגען און פאַרלאַנגען. דער „בונד“ האָט געמוזט גלייכצייטיק פירן אַ פּאָליטישן קאַמף אויף עטלעכע פראָנטן. און באַשיצן און פאַרפעסטיקן זיין פּאָזיציע פון אַן אַוואַנגאַרד־קעמפער פאַר דעמאָקראַטיע און סאָציאַליזם צווישן די יידישע אַר־

בעטנדיקע מאסן, אריינציענדיק זיי אין אלגעמיינעם שטראם פון דער רעוואלוציאנערער און סאציאליסטישער באוועגונג פון גאנצן לאנד, צום מאמענט פון 2־טן צוזאמענפאר פון ר. ס. ד. א. פ. האט זיך דער כאראקטער פון אונזער פארטיי, אלס נאציאנאלע סאציאל־דעמאקראטישע ארגאניזאציע פון יידישן פראלעטאריאט, שוין געהאט אויסגעקריסטאליזירט גענוג בולט. און חוץ דעם, האבן פאקטן פון לעבן געדרעדט דערפאר, אז אין רוסלאנד מיט איר בונטער באפעלקערונג מוזן צווישן אנדערע נאציעס אויך אומפארמיידלעך אנטשטיין אזעלכע סאציאל־דעמאקראטישע ארגאניזאציעס. און דער „בונד" האט געהאלטן, אז כדי צו געבן די דאזיקע ארגאניזאציעס גענוג פרייע הענט פאר זייער סאציאל־דעמאקראטישער טעטיקייט און אין דער זעלבער צייט באווארענען זיי דעם געהעריקן איינפלוס אויפן גאנג פון די אלגעמיינע ענינים פון דער גאנצער פאריניקטער פארטיי, טאר מען נישט מעכאניש פארייניקן דעם פראלעטאריאט פון גאנץ רוסלאנד אין איין איינציקער איינהייטלעכער ארגאניזאציע, ווו אלע אונטערשיידן און ניואנסן זאלן דערטרונקען ווערן, מיט דעם איינציקן צענטר, וועלכער שוועבט ארום ערגעץ ווו ווייט און הויך. אונזער פארטיי האט זיך דעריבער ארויסגעזאגט דערפאר, אז מען מוז די רוסלענדער סאציאל־דעמאקראטיע ארגאניזירן אויף פעדעראטיווע יסודות, לויטן מוסטער, למשל, פון דער עסטרייכישער ס"ד פארטיי. דער „בונד" האט געהאלטן פאר איינגאנצן אוטאפיש די מיינונג, אז אין אזא לאנד ווי רוסלאנד קאן מען בויען א איינהייטלעכע פארטיי אויף שטרענג־צענטראליסטישע יסודות, וועלכע זאלן פארווישן אלע נאציאנאלע און שטייגערישע באזונדערקייטן. אבער דוקא די דאזיקע מיינונג איז געווארן פארטיידיקט אין דער ליטעראטור פון דער רוסישער סאציאל־דעמאקראטיע, און באזונדערס אויף די שפאלטן פון „איסקרא".

דער V צוזאמענפאר פון אונזער פארטיי איז פארגעקומען קורץ פארן II אלגעמיין־פארטייאישן צוזאמענפאר (1903). רע־

בענענדיק זיך מיט דער שטימונג, וואס האט געהערשט אין די רייען פון אונזערע רוסישע חברים, האט אונזער צוזאמענפאר אויסגעארבעט א רייע אולטימאטיווע פונקטן, אלס מינימום גאראנטיעס, וועלכע האבן געזאלט באווארענען פארן „בונד“ א געוויסן גראד זעלבשטענדיקייט.

דער ערשטער פון די דאזיקע פונקטן זאגט אזוי:

דער „בונד“ איז די סאציאל־דעמאקראטישע ארגאניזאציע פון יידישן פראלעטאריאט; ער איז נישט באגרענעצט אין זיין ארבעט מיט קיינע ראיאניקע ראמען און גייט אריין אין דער פארטיי אלס איינציקער פארשטייער פון יידישן פראלעטאריאט“*).

מיר האבן געהאלטן פאר נויטיק אויסצורעדן די נישט־באגרענעצטקייט מיט ראיאניקע ראמען, ווייל ווי באקאנט, פארנעמען נישט די יידן אין רוסלאנד וועלכע ס'נישט איז באשטימטע דורכאויסיקע טעריטאריע, נאר זיי זענען פארשפרייט איבערן גאנצן מערב און דרום. ביי אונזערע רוסישע חברים איז אבער געווען א טענדענץ צו באגרעניצן די טעטיקייט פון אונזער פארטיי נאר אויף ליטע און פוילן, ווו ס'זענען געווען אויפגעקומען די ערשטע ארגאניזאציעס פון „בונד“. מיט דער באווארעניש וועגן „איינציקער פארשטייערשאפט“ האבן מיר געוואלט אונטערשטרייכן, אז אין דער פאראייניקטער פארטיי איז דער יידישער פראלעטאריאט פארטראטן נאר דורך איין נאציאנאלער סאציאל־דעמאקראטישער ארגאניזאציע, דורכן „בונד“, און ער פירט צווישן אים א מאסן־ארבעט, אבער האס באטייט נישט נאטירלעך, אז איינציקע יידישע ארבעטער קאנען נישט געהערן, אויב זיי ווילן, אויך צו אנדערע ארגאניזאציעס פון דער פאראייניקטער פארטיי

אויף דעם 2־טן אלגעמיין־פארטייאישן צוזאמענפאר האבן זיך באלד געלאזט הערן טענות, אז דער „בונד“ איז א היסטארישע אנאמאליע, אז דער „בונד“ ווייזט ארויס מיגרענצן צו סע־

*) V צוזאמענפאר פון „בונד“, לאנדאן 1903.

פאראטיזם, צו נאציאנאליזם און צו אנד. אפיקורסעריייען. אין דער אלגעמיינער רעזאָלוציע פון 2 צוזאמענפאָר וועגן דער לאגע פון „בונד“ אין דער פארטיי האָט זיך שוין געדעדט נישט וועגן זעלבשטענדיקייט פון דער אָרגאניזאציע פון יידישן פראָלעטאריאט, נאָר וועגן זעלבשטענדיקייט פון דער יידישער ארבעטער־באוועגונג אין אלץ, וואָס איז נוגע די ספעציעלע אויפגאבן פון אגיטאציע צווישן דער יידישער באפעלקערונג. די ראַזיקע רעזאָלוציע איז געוואָרן אנגענומען כמעט מיט אלע שטימען, קעגן די 5 שטימען פון „בונד“, און די אויסבעסערונג פון דער בונדישער דעלעגאציע, אז פארן „בונד“ ווערט איינגעהאלטן די אויטאנאָמיע פון יאָר 1898, איז מיט זייער א גרויסער מערהייט געוואָרן אָפגעוואָרפן. כמעט איינשטימיק איז אויך אָפגעוואָרפן געוואָרן דער פריער געבראכטער ערשטער פונקט פון פאראייניקונג־סטאטוט, וואָס אונזער V צוזאמענפאָר האָט אויסגעארבעט.

דער „בונד“ איז געשטעלט געוואָרן פאר אן אלטערנאטיוו: אָדער באגייען איבער זיך זעלבסטמאָרד, ווי איבער אן אָרגאניזאציע פון יידישן פראָלעטאריאט, אָדער ארויסטרעטן פון דער פארטיי, און ער האָט — מיט א שווער האַרץ — אויסגעקליבן דאָס צווייטע.

ארום 30 טויזנט*) יידישע ארבעטער, וואָס זענען דעמאָלט אָרגאניזירט געווען אין „בונד“, האָבן אין א רייע רעזאָלוציעס מכוח דעם V צוזאמענפאָר פון אונזער פארטיי און מכוח דעם II אלגעמיין־פארטייישן צוזאמענפאָר אויסגעדריקט צוטרוי צום „בונד“ און זענען געבליבן אין זיינע רייען. כמעט אין אלע רעזאָלוציעס ווערט אויסגעדריקט די האָפענונג, אז אונזערע רוסישע חברים וועלן מיט דער צייט איינזען די גערעכטיקייט פון די פאָדערונגען פון יידישן פראָלעטאריאט, און דאן וועט געשען די

*) די צאָל איז באַרעכנט געוואָרן לערך, לויט די באַריכטן, וואָס זענען צוגעשטעלט געוואָרן צום V צוזאַמענפאָר.

ווירקלעכע פאראייניקונג פון די פראָלעטאַריער פון גאַנץ רוסלאַנד, אויף די פּאַרגעלייענטע דורכן „בונד“ יסודות. דערווייל אָבער זענען די יידישע אַרבעטער גערופן געוואָרן צו נאָך אינטענסיווערער אַרבעט, צו נאָך גרעסערער באַהעפּטקייט — צו פאַרשטאַרקן זייערע רייען אונטער דער פאָן פון „בונד“. און די דריי יאָר, פון דעם II אַלפּאַרטייאישן צוזאַמענפאָר, ווען דער „בונד“ איז אַרויס פון דער פּאַרטיי ביז דעם 7 צוזאַמענפאָר פון אונזער פּאַרטיי (סעפּטעמבער 1906 אין לעמבערג) ווען מ'האָט באַשלאָסן ווידער אַריינצוטרעטן אין דער רוסל. פּאַרטיי, זענען ווירקלעך געווען יאָרן פון גרעסטן וווקס און אַנטוויקלונג אין דער אַרבעט פון אונזער פּאַרטיי און אין דער באַוועגונג פון יידישן פּראָלעטאַריאַט.

נאָך דעם II אַלפּאַרטייאישן צוזאַמענפאָר נעמט אָן די ליטעראַרישע פּאָלעמיק צווישן „בונד“ און דער רוסל. פּאַרטיי זייער א שאַרפן און ליידנשאַפטלעכן כאַראַקטער. צווישן די אָרגאַניזאַציעס פון „בונד“ און פון דער רוסלענדער פּאַרטיי אויף די ערטער הויבט זיך אויך אָן אַ פאַרשאַרפטער קאַמף. זומער 1904 ווערט געבילדעט דער צפון־מערב־קאָמיטעט פון דער רוסלענדער פּאַרטיי און דער ציל פון זיין אַרבעט איז — קאַמף מיטן „בונד“. אין גיכן אָבער טרעט דער קאַמף מיטן „בונד“ אָפּ אויפן צווייטן פּלאַן. דער זעלבער צענטראַליזם, וועלכער האָט אין 1903 אָפּגעהאַלטן דעם זיג אויפן II אַלפּאַרטייאישן צוזאַמענפאָר, איז אין גיכן געוואָרן דער אויסגאַנג־פּונקט פאַר אַ שפּאַלטונג אין די רייען פון דער רוסלענדער אָרגאַניזאַציע גופא, — שפּעטער שוין איז די שפּאַלטונג נאָך קאָמפּליצירט געוואָרן דורך פּרינציפּיעלע און טאַקטישע חילוקי־דעות. עס האָבן זיך געבילדעט 2 פראַקציעס: „באָלשעוויקעס“ און „מענשעוויקעס“ (מערהייט און מינדערהייט). זיי האָבן אָנגעהויבן צווישן זיך אַן אמתע מלחמה, וועלכע איז נישט אויסגעלעבט נאָך ביז היינט צו טאָג.

די געשעענישן אין רוסלאַנד האָבן לעת עתה גענומען שטעלן פאַר דער סאָציאַל־דעמאָקראַטיע נייע און אַלץ מער פאַרוויקלטע

אויפגאבן. די מלחמה מיט יאפּאַן, און די קלעפּ וואָס די מלחמה האָט דערלאַנגט דער זעלבסטהערשונג, האָבן דורכאויס געפּאָדערט אויב שוין נישט קיין פאַראייניקונג פון אַלע סאָציאַל־דעמאָקראַטי־שע קרעפטן, איז לפּחות אַ קאָאָרדינירטע טאַקטיק. אַלע אַנדערע רעוואָלוציאָנערע און אָפּאָזיציאָנעלע פּאַרטייען פון רוסלאַנד האָבן אויך שאַרף געפילט די אָרזיקע נויטיקייט, און אַ באַדייטנדיקער טייל פון זיי האָבן זיך טאַקע פאַראייניקט אין אַ בלאָק*). און צו־ליב דעם האָט מען אין די רייען פון די סאָציאַל־דעמאָקראַטישע אַרבעטער־אָרגאַניזאַציעס נאָך דרינגענדיקער געגומען פילן אַ באַ־דערפעניש אין פאַראייניקונג. אונזער צ. ק. האָט אונטערגענומען שריט אין דער ריכטונג נאָך אָנהויב זומער 1904.

ער האָט גוט געוווּסט, אַז וועגן פולער פאַראייניקונג קאָן קוים אַ רייד זיין, אי צוליב פאַרשידנקייט פון אָרגאַניזאַציאָנעל'ן

*) אין האַרבסט 1904 איז אין פּאַריז צושטאַנד געקומען אַ קאָנ־פערענץ פון די דאָזיקע פּאַרטייען. אין איר האָבן זיך באַטייליקט: די פּאַרטיי סאָציאַליסטן־רעוואָלוציאָנערן, דער פאַרבאַנד „אָסוואָבאָזשדעניע“. די פּוילישע סאָציאַליסטישע פּאַרטיי (פּ. פּ. ס.), די פּוילישע פאָלקס־ליגע, די פינלענדישע פּאַרטיי פון אַקטיוון ווידערשטאַנד, די אַרמעגישע רע־וואָלוציאָנערע פעדעראַציע („דראָשאַק“), די גרוזינישע פּאַרטיי סאָציאַ־ליסטן־פעדעראַליסטן־רעוואָלוציאָנערן. אַלע סאָציאַל־דעמאָקראַטישע אָרגאַ־ניזאַציעס, דער „בונד“ בתוכם, האָבן אויך באַקומען איינלאַדונגען זיך באַטייליקן זיך אין דער קאָנפערענץ. אָבער צוליב דעם בונטן צוזאַמענ־שטעל פון די פּאַרטייען, וואָס זענען געגאַנגען זיך בלאָקירן, ביי דער פאַרשיידנאַרטיקייט פון זייערע פּאָליטישע אָנשויאונגען; צוליב דעם ווייטער, וואָס איניקע פון די דאָזיקע פּאַרטייען זענען אַזוי געווען ווייט פון שטאַנדפּונקט פון קלאַסן־קאַמף, אַז זיי האָבן אפילו שפּעקולירט אויפן נצחון פון דער יאַפּאַנישער רעגירונג, — האָבן די ס"ד אָרגאַ־ניזאַציעס זיך אָפּגעזאָגט פון אָנטייל אין דער קאָנפערענץ, כאָטש זיי האָבן געמיינזאַם איינגעאַרבעט אַ טעקסט פון אַן ענטפער („לעצטע נאַכריכטן“ נומ. 204).

אנשויאונגען, אי נאך מער צוליב דער שפאלטונג אין די רייען פון דער רוסלענדער ארגאניזאציע גופא. האט דעריבער אונזער צ. ק. אפעלירט צו אלע סאציאל־דעמאקראטישע ארגאניזאציעס — צו טון אלץ וואס מעגלעך, כדי צושטאנד צו ברענגען כאטש א צייטווייליקע פארייניקונג, כדי צו ארגאניזירן געמיינזאמע קאָאָרדינירטע ארויסטרעטונגען*).

אויפן וועג צו אט דעם ציל האט זיך דער צ. ק. פון „בונד“ אנגעשטויסן אויף א גאנצע רייע מניעות, וואס נישט דא איז דאס ארט צו רעדן וועגן זיי. אזוי אז די ערשטע קאנפערענץ פון סאציאלדעמאקראטישע ארגאניזאציעס, וועגן וועלכער מיר האבן שוין גערעדט פריער, האט זיך געקאנט צענויפקומען ערשט אין יאנואר 1905.

אויף דער דאזיקער קאנפערענץ האט מען, צווישן אנדערן, אויסגעארבעט א פראיעקט פון א שטענדיקן בלאק צווישן די ס"ד ארגאניזאציעס. דאס ענדגילטיקע באטראכטן און אננעמען פון דעם פראיעקט האט געזאלט פארקומען אויף דער צווייטער קאנפערענץ, אין צוויי חדשים ארום, אבער די פארשטייער פון דער רוסל. פארטיי זענען נישט געקומען צו דער צווייטער קאנפערענץ — ווי שפעטער האט זיך ארויסגעוויזן, צוליב אומאפהענגיקע פון זיי סיבות. די פארזאמלטע דעלעגאטן פון אלע איבעריקע סאצ. דעמ. ארגאניזאציעס האבן זיך באגרענעצט מיט אן אויסטויש פון מיינונגען איבער אייניקע פראגן, און האבן באפולמעכטיקט די צענטראל־קאמיטעטן פון „בונד“ און פון דער לעטישער סאציאל־דעמאקראטיע צענויפצורופן די גאנצסטע קאנפערענץ, ביים תנאי אויב ס'זאלן זיך אין איר באטייליקן פארשטייער פון דער רוסל. פארטיי.

ארויסגעוויזן האט זיך, אז די פראקציע פון דער מינדערהייט איז פארבליבן אומצופרידן מיט דער ארבעט פון דער ער־

*) „ארבעטער־שטימע“, נום. 37.

שטער (יאנואר) קאָנפערענץ; די פאָרשטייער פון דער דאָזיקער פראַקציע האָבן געפאָדערט, אַז די ווייטערדיקע קאָנפערענצן זאָלן זיך באַגרענעצן בלויז מיט אויסטויש פון מיינונגען, און אַז איינציקע אָרגאַניזאַציעס זאָלן זיך אין זיי נאָר נישט באַטייליקן. אויף אַזאַ אופן האָט מען זיך געמוזט צעשיידן מיטן געדאַנק וועגן רופן פעריאָדישע קאָנפערענצן, וועגן שאַפן אַ פעסטן בלאָק פון די ס״ד אָרגאַניזאַציעס — אַ בלאָק, וואָס זאָל ביסלעכווייז צוגרייטן דעם באָדן פאַר אַ פולער פאַראייניקונג.

אַז עס זענען פאַרעפנטלעכט געוואָרן די תקנות וועגן דער מלוכה־דומע, האָט אונזער צ. ק. ווידעראַמאָל אויפגעהייבן די פראַגע וועגן רופן אַ קאָנפערענץ פון די ס״ד אָרגאַניזאַציעס, און זי איז צושטאַנד געקומען אין סעפּטעמבער 1905, ווי מיר האָבן שוין פריער דערמאָנט („בויקאָט פון די וואַלן צו דער ערשטער דומע“). אויף איר איז, אגב, באַשלאָסן געוואָרן, אַז נאָך פאַר די וואַלן צו דער דומע זאָל מען רופן אַ נייע קאָנפערענץ, וועלכע זאָל אַ חוץ אַנדערע פונקטן פון טאָג־אָרדענונג זיך אויך פאַרנעמען מיט דער פראַגע וועגן אַ פולער פאַראייניקונג פון די ס״ד אָרגאַניזאַציעס. די דאָזיקע קאָנפערענץ האָט געפּרוּווט זיך צוזאַמענגעקומען אָנהויב דעצעמבער, נאָר צוליב די רעוואָלוציאָנערע געשעענישן וואָס האָבן זיך אינגיכן אָנגעהויבן, האָבן פאָרטרעטער פון פיל אָרגאַניזאַציעס נישט געקאָנט קומען צו דער קאָנפערענץ.

אָבער אַ קורצע צייט ערב אונזער VII קאָנפערענץ, פרילינג 1906, האָט דער צ. ק. באַקומען אַ פאָרשלאַג פון צ. ק. פון דער רוסל. פּאַרטיי צו שיקן אַ דעלעגאַציע אויף דעם פאַראייניקונגס־צוזאַמענפאָר (שטאָקהאָלם), צו וועלכן מען האָט דעמאָלט געהאַלטן אין גרייטן זיך: אויפן סדר היום פון שטאָקהאָלמער צוזאַמענפאָר איז געווען אויך אַ פונקט וועגן פאַראייניקונג מיט די נאַציאָנאַלע סאָצ. דעמ. אָרגאַניזאַציעס.

אונזער VII קאָנפערענץ האָט נאָך לאַנגע און הייסע דע־

באַטן *) אָנגענומען פאָלגנדיקן סטאַטוט פאַר דער פאַרייניקונג מיט דער רוסל. פאַרטיי:

די אולטימאַטיווע תנאים פון פאַרייניקונג:

I. דער „בונד" איז די סאָציאַל־דעמאָקראַטישע אָרגאַניזאַציע פון יידישן פראָלעטאַריאַט, און איז נישט באַגרענעצט אין זיין טעטיקייט מיט ראַיאָן־ראַמען.

II. דער „בונד" באַקומט אַ פאַרטרעטערשאַפט אין צ. ק. פון דער פאַרטיי.

III. די אָרגאַניזאַציעס פון „בונד" שיקן זייערע פאָרשטייער אויף די אַלגעמיין־פאַרטייאישע צוזאַמענפאָרן און קאָנפערענצן אויף די זעלבע יסודות, וואָס די אָרגאַניזאַציעס פון ר. ס. ד. אַ. פּ.

IV. די פראָגראַם פון דער רוסל. פאַרטיי איז אויך די פראָגראַם פון „בונד"; אָבער פאַרן „בונד" ווערט אָנערקענט דאָס רעכט איינצוהאַלטן אין דער נאַציאָנאַלער פראַגע זיין פראָגראַם, וואָס ס'האָט אָנגענומען דער בונדישער VI צוזאַמענפאָר.

V. דער „בונד" האַלט איין דאָס רעכט זעלבשטענדיק צו פאַרוואַלטן מיט אַלע ענינים פון זיין אָרגאַניזאַציע.

VI. די אַלע אויסגערעכנטע פונקטן קאָנען געענדערט ווערן דורך אַלגעמיין־פאַרטייאישע צוזאַמענפאָרן נאָר מיטן הסכם פון „בונד".

ווענן איינציקער פאָרשטייערשאַפט:

די קאָנפערענץ קאָנסטאַטירט, אַז נישט אַריינגעמענדיק דעם פונקט ווענן איינציקער פאָרשטייערשאַפט, וואָס ס'האָט אויסגעאַרבעט דער V צוזאַמענפאָר, אין דער צאָל אולטימאַטיווע תנאים פאַר דער פאַרייניקונג מיט דער ר. ס. ד. אַ. פּ., האַלט זי פונדעסטוועגן פולשטענדיק אונטער די פאָדערונג פון דעם דאָזיקן

---

*) די פראַגע ווענן פאַרייניקונג מיט דער רוסל. פאַרטיי אויף דער VI קאָנפ. פון „בונד", פעטערבורג 1906.

פונקט, און דערקלערט, אז א נאָרמאַלע פאַרבינדונג צווישן דער יידישער ארבעטער־באַוועגונג און צווישן דער רוסלענדישער סאָציאַל־דעמאָקראַטיע אַלס גאַנצער קאָן זיך איינשטעלן נאָר דעמאָלט, ווען דער „בונד" וועט זיין אין דער פּאַרטיי דער איינציקער פאָרשטייער פון יידישן פּראָלעטאַריאַט, ד. ה. די איינציקע אָרגאַניזאַציע, וואָס פירט צווישן אים א מאַסן־ארבעט און וואָס דורך איר וועט די פּאַרטיי אָנפירן מיטן קאַמף פון יידישן פּראָלעטאַריאַט און וואָס דורך איר וועט דער יידישער פּראָלעטאַריאַט קאָנען רעאַליזירן דעם נויטיקן פאַר אים איינפלוס אויפן אַלגעמיינעם גאַנג פון די פּאַרטיי־ענינים.

דער לעצטער פּונקט — מכוה דער איינציקער פאָרשטייערשאַפט — איז אַדורך מיט נאָר א קליינער מערהייט, פון 2 שטימען. פיל פון די, וועלכע זענען באַשטאַנען אויף אריינעמען דעם פונקט צווישן די אולטימאַטיווע, האָבן געטענהט, אז כל זמן עס וועלן עקזיסטירן אַזעלכע דעזאָרגאַניזאַטאָרישע אינסטיטוציעס, ווי דער פריער דערמאָנטער צפון־מערב־קאָמיטעט, וועט יעדע פאַראייניקונג זיין נישט מער ווי א שלעכטער שלום, איז א „גוטער ברוגז" שוין פיל בעסער פאַר אַזא שלום.

דער שטאָקהאָלמער פאַראייניקונגס־צוזאַמענפאָר פון דער ר. ס. ד. א. פּ. (אַפּריל 1906) פון זיין זייט האָט אָנגענומען פאָלגענדיקן פּראָיעקט פון פאַראייניקונג פון „בונד" מיט דער ר. ס. ד. א. פּ., און האָט איבערגעגעבן דעם צ. ק. פון דער ר. ס. ד. א. פּ. דורכצופירן דעם פּראָיעקט אין לעבן, ווי נאָר דער „בונד" וועט אים באַשטעטיקן:

1. דער „בונד" גייט אריין אין באַשטאַנד פון דער ר. ס. ד. א. פּ., ווי די ס. ד. אָרגאַניזאַציע פון יידישן פּראָלעטאַריאַט, און איז נישט באַגרענעצט אין זיין טעטיקייט מיט א באַשטימטן ראַיאָן. 2. דער „בונד" שטימט אָן די פּראָגראַם פון ר. ס. ד. א. פּ. באַמערקונג: די פראַגע וועגן דער נאַציאָנאַלער פּראָגראַם בלייבט אָפן, צוליב דעם וואָס דער פאַראייניקונגס־צוזאַ־

מענפאַר האָט די פראַגע נישט באַהאַנדלט. 3. אַלע באַשלוסן פון די אַלגעמיין־פּאַרטייאישע צוזאַמענפאָרן זענען אָבליגאַטאָריש אויך פאַרן „בונד". 4. אין די ראַמען פון די אַלגעמיינע באַשלוסן פון די צוזאַמענפאָרן פון ר. ס. ד. א. פּ. און די אַלגעמיינע דירעקטיוון פון צ. ק. פון דער פּאַרטיי גענעסט דער „בונד" זעלבּ־שטענדיקייט אין די פראַגע פון אַגיטאַציע, אָרגאַניזאַציע און פּראָ־פּאַגאַנדע. 5. דער „בונד" האָט זיינע אָרטיקע אָרגאַניזאַציעס, צענטראַלע אינסטאַנצן און צוזאַמענפאָרן און פּאַרוואַלטעט זעלבּ־שטענדיק מיט אַלע ענינים פון זיין אָרגאַניזאַציע. 6. אַלע אָר־טיקע אָרגאַניזאַציעס, וואָס גייען אריין אין באַשטאַנד פון ר. ס. ד. א. פּ., בילדן אויפן יסוד פון אַלגעמיינע וואַלן אָן אונטערשייד פון נאַציע פון די פּאַרטיי־מיטגלידער, אַן איינהייטלעכן אָנפירנ־דיקן אַלשטאָטישן קאָמיטעט פון ר. ס. ד. א. פּ. באַמערקונג: דער קאָמיטעט באַשליסט אַלע פראַגן, וואָס זענען נוגע דעם גאַנצן פּראָלעטאַריאַט פון דער געגעבענער שטאָט, און די באַ־שלוסן ווערן אָנגענומען מיט איינפאַכער מערהיים. דער אופן פון וויילן דעם אַלשטאָטישן קאָמיטעט ווערט באַשטימט אין הסכם מיט די אַלגעמיינע כללים, וואָס גילטן אין דער פּאַרטיי. 7. די אָרגאַניזאַציעס פון „בונד" שיקן זייערע פּאַרטרעטער אויף די אַלגעמיין־פּאַרטייאישע צוזאַמענפאָרן און קאָנפערענצן אויף די זעלבע יסודות, וואָס די איבעריקע אָרגאַניזאַציעס פון ר. ס. ד. א. פּ. באַמערקונג: לויט אַן אויסגלייך פון די אָרטיקע אָר־גאַניזאַציעס, קאָנען וואַלן צום צוזאַמענפאָר פּאָרקומען אויף אַל־געמיינע וואַל־פאַרזאַמלונגען. 8. דער „בונד" האָט אַ פאָרשטייער־שאַפט אין צ. ק. פון דער פּאַרטיי. באַמערקונג: דער אופן פון בונדס פּאַרטרעטערשאַפט אין צ. ק. פון דער פּאַרטיי ווערט איינגעשטעלט לויט אַן אויסגלייך צווישן צ. ק. פון „בונד" און צ. ק. פון ר. ס. ד. א. פּ. — אין די דעלעגאַציעס פון ר. ס. ד. אַ. פּ. אויף אינטערנאַציאָנאַלע סאָציאַליסטישע קאָנגרעסן שיקט דער „בונד" זיינע פּאַרטרעטער.

רעזאָלוציע: אָננעמענדיק דעם פּראָיעקט פון פּאַריי־

קונג מיטן „בונד“, זאָגט זיך פונדעסטוועגן דער צוזאַמענפאָר קאַטעגאָריש אָרוים קעגן דער אָרגאַניזירונג פון פּראָלעטאַריאַט לויט נאַציעס; דער צוזאַמענפאָר האָט באַשטעטיקט דעם פּראָיעקט פון פאַרייניקונג בלויז מיטן צוועק — צוצוגעבן אַ מער נאָרמאַלן כאַראַקטער דעם קאַמף צווישן די אָנהענגער פון די ביידע אָרגאַניזאַציאָנעלע פּרינציפּן.

אַז דער דאָזיקער פּראָיעקט איז געוואָרן אָנגענומען, האָט די בונדישע דעלעגאַציע אויפן שטאָקהאָלמער צוזאַמענפאָר אַריינגעטראָגן אַ מעלדונג, אַז „די פּונקטן 1, 2, 4, 5, 7 און 8 זענען אַ גענוגנדיקער תּנאַי פאַר דער עקזיסטענץ פון „בונד“ אין דער פּאַרטיי, און אַז אויב אַ פּאַרטיי־צוזאַמענפאָר זאָל זיי ענדערן אָן דער צושטימונג פון „בונד“ דערויף, וועט דאָס אַרויסרופן פאַרן „בונד“ די נויטיקייט אַרויסצוטרעטן פון דער פּאַרטיי“*).

דער VII צוזאַמענפאָר פון אונזער פּאַרטיי, וועלכער איז פאָרגעקומען סעפּטעמבער 1906 האָט אָנגענומען די פאַרייניקונגס־באַדינגונגען, וועלכע ס׳האָט פאָרגעלייגט דער שטאָקהאָלמער צוזאַמענפאָר. דערמיט גופא איז דער אַריינטריט פון „בונד“ אין דער רוס. פּאַרטיי געוואָרן אַ געשעענער פאַקט. די אָרגאַניזאַציאָנעלע אָנשויאונגען פון „בונד“ און פון דער פּאַרטיי האָבן זיך נישט געביטן**). נאָר אי דער „בונד“ אי די פּאַרטיי האָבן געהאַלטן, אַז ס׳איז צוועקמעסיקער און אָנטשפּרעכט מער די באַדינגונגען פון מאָמענט איבערצוטראָגן זייער שטרייט אינעווייניק אין דער פאַרייניקטער פּאַרטיי, — און זיי זענען דערום געגאַנגען אויף קעגנזייטיקע הנחות.

נאָך אין דער מיטטיילונג וועגן אַרויסטריט פון „בונד“ פון

*) פּראָטאָקאָל פון שטאָקהאָלמער קאָנפערענץ (רוסיש), פּעטערבורג 1907. זע אויך „נאַשע סלאָוואָ“ (אונזער וואָרט), 1906, נומ. 8.

**) זע רעזאָלוציע וועגן פאַרייניקונג מיט דער ר. ס. ד. אַ. פּ. אָנגענומען אויפן VII צוז. פון „בונד“.



802 אינו׳

דער פּאַרטיי אין 1903 האָט אונזער צ. ק. געשריבן. „מיר וועלן ווייטער אויך צוליייגן אַלע כוחות דערצו, אַז ס'זאָל וואָס גיכער פאָרקומען אַ ווירקלעכע פאַראייניקונג פון אַלע רעוואָלוציאָנערע פּראָלעטאַרישע כוחות פון רוסלאַנד. מיר וועלן אונזער סאָציאַליסטישע אַרבעט צווישן יידישן פּראָלעטאַריאַט אויך ווייטער פירן אונטערן אַלטן לאָזונג: „פּראָלעטאַריער פון אַלע לענדער, פאַראייניקט אייך"."

דער קורצער איבערזיכט פון דער איבערלעבער און צווישנפּאַרטייאישער אַרבעט פון אונזער אָרגאַניזאַציע פאַרן באַריכט-פּעריאָד ווייזט, אַז די דאָזיקע ווערטער זיינען נישט געווען קיין פּוסטע פראַזע.

וועגן דעם אַנטייל פון אַ פאַרשטייער פון צ. ק. פון „בונד" אין פּעטערבורגער ראַט פון אַרבעטער-דעפּוטאַטן, האָבן מיר שוין פריער געדעדט („זומער און הארבסט" 1905).

נאָך דער ביאַליסטאָקער שחיטה אין יוני 1906 האָט זיך ווידער געשטעלט אויפן סדר היום די פראַגע וועגן קאַמף מיט פּאָגראָמען. מען האָט געמוזט אויסזוכן אַזעלכע מיטלען פון קאַמף, וואָס זאָלן זיך לאָזן אָנווענדן באַלד, אויפן אָרט, נישט וואַרטענדיק ביז די דערפּירטע ביזן סוף רעוואָלוציע וועט אַ סוף מאַכן צו דער פּאָגראָם-געפאַר.

אונזער פּאַרטיי-פּרעסע האָט אָנגעוויזן אויף צווייערליי מיטלען. ערשטנס, איזאָלירן דעם פּאָגראָם-מעכאַניזם; צווייטנס, שאַפן אַ רעאַלע קראַפט, וואָס זאָל זיך קאָנען שטעלן קעגן דער רעאַלער קראַפט פון אָט דעם מעכאַניזם. אָפנעמען ביי די פּאָגראָמשטשיקעס די לעצטע רעשטן צוטרוי מצד וועמען ס'נישט איז, ארויסשטעלן דעם פּאָגראָם-מעכאַניזם אין זיין נאַרער נאַקעטקייט, וועט אומפאַרמיידלעך פירן דערצו, אַז די פּאָגראָמען וועלן זיך פאַרוואַנדלען אין מיליטערישע עקזעקוציעס פון שטראָף-אָטריאַדן, אין אַן אָפענעם באַוואָפנטן אויפשטאַנד פון די רעאַקציאָנערע כוחות

קעגן דער באַפרייאונגס־באַוועגונג. און וואָס איז שייך צו שאַפן א רעאַלן קעגן־פּאָגראָמישן כוח, איז די מלוכהשע דומע מחויב רופן דאָס פאָלק צו זעלבשוץ און רופן די אָרגאַנען פון אָרטיקער זעלבסטפארוואלטונג — צו אָרגאַניזירן א מיליץ. מען מוז פאַר־שפּרייטן צווישן די ברייטע מאסן באַפעלקערונג, און קודם כל, נאַ־טירלעך, אין דער ארבעטער־סביבה, די פעסטע איבערצייגונג דע־רין, אז נאָר דאָס באוואָפנטע פאָלק קאָן א סוף מאַכן צו דער שוצלאָזיקייט פון דער באַפעלקערונג.

אויף צו באַטראַכטן די מיטלען פון קאַמף מיט פּאָגראָמען, איז לויט דער איניציאטיוו פון אונזער צ. ק. צענויפגערופן געוואָרן א באַראַטונג פון פאָרשטייער פון ר. ס. ד. א. פּ., „בונד“, לעטישע ס“ד, ס“ד פון פּוילן און ליטע, פּוילישע סאָציאַליסטישע פּאַר־טיי*), פארטיי ס“ר און אַלרוסלענדישער פויערן־פאַרבאַנד.

אויף דער באַראַטונג זענען אָנגענומען געוואָרן פאָלגנדיקע רעזאָלוציעס:

1. די באַראַטונג ווייזט אָן אויף דעם כמעט פולן מאַנגל פון פּאָפּולערער ליטעראַטור, וואָס זאָל זיין געווענדעט קעגן אַנטי־סעמיטישער און פּאָגראָמישער אַגיטאַציע, און ווענדעט די אויפ מערקזאַמקייט פון אַלע רעוואָלוציאָנערע אָרגאַניזאַציעס אויף דער נויטיקייט צוצוטרעטן אַרויסגעבן און וואָס ברייטער פאַרשפּרייטן פּאָפּולערע ליטעראַטור, וועלכע זאָל באַקענען מיט דער רעכטלאָזי־קייט פון דער יידישער באַפעלקערונג, מיט איר עקאָנאָמישן מצב און מיט דער פּאָליטיק פון דער זעלבסטהערשונג לגבי די יידן.

2. די באַראַטונג ווייזט אָן אויף דער נויטיקייט צו אָרגאַני־זירן אַן אַלרוסלענדישע קאַמפּאַניע קעגן דער פּאָגראָם־פּאָליטיק פון דער רעגירונג, און לייגט פאָר איינאָרדענען אומעטום פאַר־זאַמלונגען און מיטינגען און אַרויסטראָגן רעזאָלוציעס. (דאָ פאָלגט

---

*) די פאָרשטייער פון פּין פ. ס. ד. און ב. פּ. ס. האָבן צוליב אוי־ניקע סיבות נישט געקאָנט קומען צו דער קאָנפערענץ.

א פראיעקט פון א רעזאלוציע, אין וועלכער באזונדערע פארטייען און ארגאניזאציעס מעגן מאכן די אדער אנדערע ענדערונגען און צוגאבן).

3. די בארארטונג ווענדעט די אויפמערקזאמקייט אויף דער נויטיקייט צו פירן אן אנטי־פאגראמען־אגיטאציע צווישן מי־ליטער, כדי נישט דערלאזן, עס זאל זך באטייליקן אין פאגראמען.

4. די באראטונג ווייזט אן אלע רעוואלוציאנערע אר־גאניזאציעס אויף דער נויטיקייט פון אויסגלייכן ביים ארגאניזירן זעלבשוץ, און אז מען דארף אויף די ערטער איינארדענען בארא־טונגען פון פארשידענע רעוואלוציאנערע ארגאניזאציעס מכוח די טעכנישע פראגן, וואס זענען פארבונדן מיט דער ארגאניזירונג פון זעלבשוץ. — לערך פון זעלבן אינהאלט איז געווען די רעזא־לוציע, וואס די סאציאל־דעמאקראטישע פראקציע האט אריינגע־טראגן אין דומע צום סוף פון די דעבאטן איבערן ביאליסטאקער פאגראם.

## IV צוזאַמענפאָרן און קאָנפערענצן

פון סוף 1904 אָן אַנטוויקלען זיך די געשעענישן אין רוס־לאנד מיט אן אומגלויבלעכער שנעלקייט. און עס שטעלן זיך אַלץ נייע און נייע פראגן, וועלכע פאָדערן אן ענטפער מצד די רעוואָ־לוציאָנערע און סאָציאַליסטישע פּארטייען. דער באַריכט־פעריאָד צייכנט זיך דעריבער אויס מיט לערך זייער פיל צוזאמענפאָרן און קאָנפערענצן.

די VI קאָנפערענץ פון אונזער פּארטיי איז פאָרגעקומען, ווי מיר האָבן שוין דערמאָנט, אין רוסלאנד, באַלד נאָך די יאנואַר־טעג פון 1905 (אין פעברואר, אין דווינסק). פון די פראגן, וואָס זענען באַהאַנדלט געוואָרן אויף דער דאָזיקער קאָנפערענץ און ס'איז וועגן זיי אָנגענומען געוואָרן אַנטשפּרעכנדיקע רעזאָלוציעס, וועלן מיר דאָ אָנווייזן פאָלגנדיקע: וועגן אויסברייטערן דעם ווירקונגס־קרייז אויף נישט פּראָלעטאַרישע שיכטן פון דער באַפעל־קערונג; וועגן ארבעט צווישן נישט יידישן פּראָלעטאַריאַט; וועגן ארבעט צווישן מיליטער.

אונזער VI צוזאמענפאָר, וועלכן ס'האָבן פארכאַפּט, ווי מיר האָבן שוין געזאָגט, די אָקטאָבער־געשעענישן פון 1905, איז אויס־געקומען צו פירן זיין ארבעט אין די סאַמע אומגינסטיקע באַ־דינגונגען. אַ חוץ די דעלעגאַטן און אַ חוץ דעם צענטראַלן און אויסלענדישן קאָמיטעט זענען אויף אים געווען פאַרשטייער פון 12 אָרטיקע קאָמיטעטן און 6 אָרטיקע אָרגאַניזאַציעס. די דעלע־גאַטן פון וואַרשעווער, האָמלער און דינער קאָמיטעטן און פון ראַ־

יאַן־קאָמיטעט פון פוילן האָבן צוליב די אויסגעבראָכענע אייזנ־באַן־שטרייקן נישט געקאָנט קומען אויפן צוזאמענפאָר.

די טאָג־אָרדענונג איז געוואָרן באַדייטנד פארקירצט. פון די אָנגענומענע אויפן VI צוזאמענפאָר רעזאָלוציע זענען די וויכטיקסטע — די רעזאָלוציע וועגן דער נאַציאָנאַלער פראַגע, די רעזאָלוציעס וועגן אויטאָנאָמיע פון פוילן און וועגן די פארשידענע ציוניסטיש־סאָציאַליסטישע פראַקציעס, וועלכע האָבן די לעצטע יאָרן זיך געהאַט אָנגעהויבן זייער שנעל צו פארמערן.

## ווינטער 1905 — 1906

די געשעענישן פון האַרבסט 1905 און פון ווינטער 1905 — 1906 האָבן אַרויסגערוקט אַ רייע נייע פראַגן, וועלכע האָבן געפאָדערט אַ באַלדיקע לייזונג. אַזוי אַז מערץ 1906 איז זיך צוזאַמענגעקומען אונזער 7 קאָנפערענץ, אין וועלכער עס האָבן זיך באַטייליקט — מיט באַשטימונגס־רעכט — 50 מאַן. די הויפּט־פּונקטן פון סדר־היום פון דער קאָנפערענץ זענען געווען: די מלוכה־דומע און אונזער טאַקטיק; פּראָפעסיאָנעלע פאַריינען; די איינגלאַדונג וואָס דער „בונד" האָט באַקומען צום צוזאמענפאָר פון דער רוס. פארטיי.

ווען מען האָט צעטריבן די ערשטע דומע און ס'האָט געהאַלטן ערב וואַלן צו דער צווייטער, און מען האָט געדאַרפט ענדגילטיק לייזן די פראַגע וועגן ווידער אַריינטרעטן אין דער רוס. פארטיי און נאָך אייניקע אַנדערע רייף געוואָרענע פראַגן — האָט דאָס באַוויגן אונזער פּאַרטיי צענוייפצערופן אָנהויב סעפטעמבער 1906 דעם 7 צוזאמענפאָר.

דער צוזאמענפאָר איז געווען זייער אַ צאָלרייכער. עס זענען געווען אריבער 90 מאַן: 67 דעלעגאַטן מיט באַשטימונגס־רעכט, געוויילטע דורך אַלע אָרגאַניזירטע מיטגלידער פון אונזער פּאַרטיי, צו 1 דעלעגאַט אויף יעדע 300 אָרגאַניזירטע מיטגלידער; 26 מאַן מיט באַראַטונגס־רעכט; צווישן זיי זענען געווען פאַר־

שטייער פון דער רוסל. ס"ד פארטיי, פון דער לעטישער ס"ד פאר־טיי, פון דער ארמענישער ס"ד ארבעטער־אָרגאניזאציע און פון „בונד" אין גאליציען.

דער צוזאמענפאָר האָט אָנגענומען א רייע רעזאָלוציעס וועגן פארשידענע פראגן (וועגן פאראייניקונג מיט דער רוסל. ס"ד פאר־טיי, וועגן טאַקטיק, וועגן פאַרטיזאַנישע ארויסטרעטונגען) און אויך דעם אָרגאניזאציאָנעלן סטאטוט פון „בונד"*).

*) זע דאס פאלגנדיקע קאפיטל.

## V. דער צאָל־באַשטאַנד און דער אינערלעכער געבוי פון אונזער אָרגאַניזאַציע

לויטן באַריכט פון דער מאַנדאַט־קאָמיסיע פון אונזער 7 צוזאַמענפאָר, האָבן זיך אין די וואַלן פון דעלעגאַטן באַטייליקט 254 אָרטיקע אָרגאַניזאַציעס, וועלכע האָבן געציילט סוף זומער 1906 אַרום 33 — 34 טויזנט פּאָליטיש אָרגאַניזירטע מיטגלידער**). אין דער צאָל גייען נישט אַריין די מיטגלידער פון יענע אָרגאַניזאַציעס, וועלכע האָבן ווייניקער ווי 50 מיטגלידער, ווי אויך נישט די מיטגלידער פון די פּראָפעסיאָנעלע פאַריינען, וועלכע געפונען זיך אונטער דער אָנפירונג פון „בונד“; און אויב נעמען אין אַכט די אומלעגאַלע עקזיסטענץ פון די פּאָליטישע אָרגאַניזאַציעס, דעם קריגס־צושטאַנד און די פאַרשטאַרקטע און אויסעראָרדנטלעכע שמירה, וואָס זענען געווען פּראָקלאַמירט אין גאַנצן תחום און האָבן געמאַכט אוממעגלעך אַ גענויע רעגיסטראַציע פון די אָרגאַניזירטע פּאַרטיי־מיטגלידער, — דאַן איז די צאָל 34 טויזנט נישט נאָר נישט קיין איבערגעטריבענע, נאָר זייער מעגלעך, אַז זי איז נאָך באַדייטנד פאַרקלענערט לגבי דער ווירקלעכער צאָל.

ביזן יאָר 1905, ווען קאָנספּיראַטיוויקייט האָט זיך גערעכנט פאַר איינער פון די הויפּט־מדות טובות פון פּאַרטיי־טוער, איז די אָרגאַניזאַציע פון אונזער פּאַרטיי געווען געבויט אויף שטרענג

*) זע מיטיילונג וועגן VII צוזאַמענפאָר פון „בונד“ (רוסיש, גענף 1906.

קאָנספּיראַטיווע און צענטראַליסטישע יסודות. אַלע אינסטאַנצן פון די אָרטיקע אָרגאַניזאַציעס פלעגן מייסטנס זיין נאָמינירטע, און זייער ווייטערדיקע קאָמפּלעטירונג איז פאָרגעקומען אויפן וועג פון קאָאָפּטאַציע. דעם צ. ק. האָט מען געוויילט אויף צוזאַמענפאָרן, פון דריי מענטשן בלויז, און פון זיי האָט נאָר איינער זיך גערעכנט פארן אָפיציעלן פאָרשטייער און אַלס אַזעלכער איז ער געווען באַקאַנט די אָרטיקע קאָמיטעטן. דער צ. ק. האָט געהאַט דאָס רעכט פון קאָאָפּטאַציע, און האָט — געגנאָסן פון זייער ברייטע פול מאַכטן, — ביז צום רעכט פון נאָמינירן און אויסשליסן איינצעלנע מענטשן אינם באַשטאַנד פון די אָרטיקע קאָמיטעטן.

אונטערן איינפלוס פון די געשעענישן פון יאָר 1905 האָבן די אַלטע אָרגאַניזאַציאָנעלע ראַמען אָנגעהויבן שנעל זיך ברעכן. די אָרגאַניזאַציעס זענען אויף דער העלפט ארויס פון אונטער דער ערד; בעת די ברייטע פּאָלקס-קאַמפּאַניעס האָט די איניציאַטיוו־קייט פון די מאַסן און פונם דורכשניטלעכן מאַסן-טוער אָנגעהויבן שפּילן א גרויסע ראָל. אויפן סדר־היום האָט זיך געשטעלט די פראַגע וועגן רעאָרגאַניזירן די פּאַרטיי אויף מער דעמאָקראַטישע יסודות.

מיט דער פראַגע וועגן רעאָרגאַניזאַציע האָט זיך געהאַט פאַר־נומען די 7 קאָנפערענץ פון אונזער פּאַרטיי, פרילינג 1906, נאָך צום טייל מחמת מאַנגל אין צייט, און דער עיקר מחמת דער אומבאַשטימטער לאַגע, אין וועלכער רוסלאַנד האָט זיך געפונען ערב דער ערשטער דומע, איז די פראַגע דעמאָלט נישט געוואָרן דורכגעאַרבעט מיט דער געהעריקער אויספירלעכקייט.

מיט דער ווייטערדיקער באַטראַכטונג פון דער פראַגע האָט זיך פאַרנומען אונזער 7 צוזאַמענפאָר. ער האָט אָנגענומען אן אָר־גאַניזאַציאָנס-סטאַטוט, וועלכער באַשטימט דעם אינערלעכן אָרגאַ־ניזאַציאָנעלן געבוי פון אונזער פאַרטיי.

אויסער רוסלאַנד האָט עקזיסטירט דער אויסלענדישער קאָמי־טעט פון „בונד", וואָס זיינע מיטגלידער ווערן נאָמינירט דורכן צ. ק.

דער אויסל. קאָמ. פון „בונד“ פירט די באַציונגען מיט דער אינטערנאַציאָנאַלער סאָציאַליסטישער ביוראָ און מיט די סאָציאַליסטישע פּאַרטייען און אָרגאַניזאַציעס פון מערב־איראָפּע. אונטער זיין קאָנטראָל געפינט זיך די פאַרייניקטע אָרגאַניזאַציע פון בונדישע אַרבעטער־פאַריינען און מיטהילף־גרופּעס אין אויסלאַנד, וואָס זייער טעטיקייט ווערט פאַרייניקט דורך א צענטראַל־ביוראָ, געוויילט אויף יערלעכע צוזאַמענפאָרן פון דער „פאַרייניקטער אָרגאַניזאַציע“. די צאָל גרופּעס און פאַריינען אין מערב־איראָפּע דערגייט ביז 30, מיט א צאָל מיטגלידער אריבער 400.

די גרופּעס שטעלן זיך פאַר א ציל צו געבן דעם „בונד“ אין רוסלאַנד אידעאישע און מאַטעריעלע הילף, באַקענען די רוסיש־יידישע שטודירנדיקע יוגנט מיט דער פּראָגראַם און מיט דער טעטיקייט פון „בונד“, אָרגאַניזירנדיק צוליב דעם קרייזן פאַר זעלבסט־בילדונג, רעפעראַטן, פאָרלעזונגען און דיסקוסיעס. די זעלבע צילן שטעלן זיך די פאַריינען צווישן די יידישע אַרבעטער, וועלכע האָבן אויסגעוואַנדערט פון רוסלאַנד אין די פאַרשידענע לענדער פון מערב־איראָפּע. א חוץ דעם העלפן זיי אויך מיט, אַז די רוסיש־יידישע אַרבעטער זאָלן אַריינטרעטן אין די אַנטשפּרעכנדיקע פּראָפעסיאָנעלע פאַריינען און — דאָרט וו דאָס איז מעגלעך — אויך אין די פּאָליטישע פּאַרטייען.

דער אויסל. קאָמ. פון „בונד“ פירט אויך די באַציונגען מיטן צענטראַל־פאַרבאַנד פון די בונדישע סעקציעס אין אמעריקע. די דאָזיקע סעקציעס עקזיסטירן אין באַריכטס־פּעריאָד אין פיל שטעט פון די פאַרייניקטע שטאַטן פון צפון אמעריקע און ציילן ארום 3000 מיטגלידער — רוסיש־יידישע עמיגראַנטן. זיי שטעלן זיך לערך די זעלבע צילן, וואָס די אַרבעטער־פאַריינען און מיטהילף־גרופּעס אין מערב איראָפּע. און ענדלעך, דער אויסל. קאָמ. פירט באַציונגען מיט איינצעלנע מענטשן און מיט קלענערע גרופּעס, וואָס זענען די לעצטע יאָרן אויפגעקומען אין פאַרשידענע ערטער פון דרום־אפריקע און פילן מיט דער אַרבעט פון „בונד“.

ביז סוף יאָר 1905 האָט זיך דער אויסל. קאָמ. פאַרנומען,

וואָס אמאָל אַלץ מער מיט אַרויסגעבן און טראַנספּאָרטירן ליטע־
ראַטור קיין רוסלאַנד. פון אָנהויב 1906, ווען דער פאַרלאַג איז
איבערגעטראָגן געוואָרן קיין רוסלאַנד, האָט דער דאָזיקער גע־
ביט פון אַרבעט פון אויסל. קאָמיטעט איינגאַנצן אָדער כמעט אינ־
גאַנצן אויפגעהערט.

## זץ. די פאַרלעגערישע אַרבעט און די קאַסע

אין דער פּאַרלעגערישער טעטיקייט פון אונזער פּאַרטיי פּאַר נײַן געווען צוויי פּעריאָדן, וועלכע שיידן זיך שאַרף אונטער צווישן זיך. דער ערשטער פּעריאָד נעמט אַרום די צייט פון אַמ־סטערדאַמער קאָנגרעס ביזן VI צוזאַמענפאָר פון „בונד" (סעפּ-טעמבער 1904 — אָקטאָבער 1905); דער צווייטער הויבט זיך אָן נאָך די אָקטאָבער־און דעצעמבער טעג פון 1905, ווען די פּאָ־ליטישע פּאַרטייען פון רוסלאַנד הויבן אָן פירן אַ האַלב־לעגאַלע עקזיסטענץ.

אין משך פון ערשטן פּעריאָד האָט דער צ. ק. אויסגעהאַלטן אין רוסלאַנד 5 געהיימע דרוקערייען, וווּ ס'האָבן זיך געדרוקט, אַ חוץ בראָשורן און אויפרופן, צוויי נישט־פּעריאָדישע זשורנאַלן אויף יידיש: „אַרבעטער־שטימע" און „דער בונד" — דער ערשטער פאַר די מער אַנטוויקלטע פּאַרטיי־מיטגלידער, דער צווייטער — פּאַרן מאַסן-לעזער. אָבער דער עיקר איז די פּאַרלעגערישע טע־טיקייט פאַר יענער צייט געווען קאָנצענטרירט, צוליב פאַרשטענד־לעכע סיבות, אין אויסלאַנד, און איז געווען איינע פון די הויפּט־פונקציעס פונם אויסלענדישן קאָמיטעט. פון דער טאַבעלע, וואָס מיר ברענגען ווייטער, זעט מען, אַז דער צ. ק. האָט פאַר דער צייט אַרויסגעלאָזט 15 אויסגאַבן און זשורנאַל־נומערן אין אַ צאָל 113 טויז. עקזעמפּלאַרן, בעת דער אויסל. קאָמיטעט האָט פאַר דער זעלבער צייט אַרויסגעלאָזט 134 אויסגאַבן, אין אַ צאָל פון 808 טויז. עקזעמפּלאַרן. זעלבסטפאַרשטענדלעך, אַז די אינטענסיווע פּאַרלעגערישע טעטיקייט פון אויסל. קאָמ. איז געווען אויסגע־

רעכנט דער עיקר אויף רוסלאנד. אזוי, האָט דער אויסל. קאָמ. פאר די לעצטע 4 חדשים 1904 און די ערשטע 9 חדשים 1905 טראנס־פּאָרטירט קיין רוסלאנד, אין קיילעכדיקע ציפערן, 350 פּוד, אָדער 5,600 קילאָ אומלעגאלע ליטעראטור — צייטונגען, זשורנאלן און בראָשורן אויף יידיש, רוסיש און פויליש. פן דער ווייטער גע־בראַכטער טאַבעלע זעט מען, אז פאַרן ערשטן פעריאָד פון אונזער באריכט-צייט האָט דער אויסל. קאָמ. ארויסגעגעבן 26 נומערן פון נישט־פעריאָדישן ביולעטין אויף יידיש — „די לעצטע פאסירונ־גען" — 125 טויז. עקז. — דאן 66 נומ. פון דער וועכנטלעכער צייטונג אויף רוסיש — „פּאָסלעדניא איזוועסטיא" („לעצטע נאכריכטן") — 350 טויז. עקז., און 23 פארשידענע יידישע בראָשורן, 245 טויז. עקזעמפלארן.

## סטאַטיסטישע דאטן וועגן דער פאַרלעגערישער טעטיקייט פון „בונד" פון סעפּטעמבער 1904 ביז סוף 1905

| אויסגאַבעס צייטונגען און זשורנאלן | פון צענטראַל־קאָמ. צאָל נומערן אָדער נעמען | פון צענטראַל־קאָמ. צאָל עקזעמ־פּלאָרן | פון אויסל. קאָמיטעט צאָל נומערן אָדער נעמען | פון אויסל. קאָמיטעט צאָל עקזעמ־פלאָרן |
|---|---|---|---|---|
| **1. אויף יידיש** | | | | |
| א) ארבעטער־שטימע | 3 | 9.000 | -- | --- |
| ב) דער בונד | 7 | 95.000 | — | — |
| ג) לעצטע פאסירונגען | — | — | 26 | 125.000 |
| ד) דער ייד. ארבעטער | — | — | 1 | 1.500 |
| **2. אויף רוסיש** | | | | |
| א) „פּאָסלעדניא איזוועסטיא" | — | — | 66 | 350.000 |
| ב) וועסטניק בונדא | — | — | 1 | 3.500 |
| **3. אויף פויליש** | | | | |
| גלאָס בונדו | — | — | 1 | 1.500 |

## II בראָשורן

| | | | | |
|---|---|---|---|---|
| 1. אויף יידיש | — | — | 23 | 245.000 |
| 2. אויף רוסיש | 5 | 9.000 | 15 | 80.000 |
| 3. אויף פּויליש | — | — | 1 | 1.500 |
| סך־הכל | 15 | 113.000 | 134 | 808.000 |

אויף אזא אופן קומט אויס, אַז דער צ. ק. און דער אויסל. קאָמ. האָבן פאר דער צייט פון סעפּטעמבער 1904 ביז סוף 1905 ארויסגעגעבן אינגאנצן 149 נומערן (15+134) אין א צאָל 921 טויז. עקז. (808.000 + 113.000); אהער גייט נישט אריין די קאָלאָסאלע צאָל אויפרופן פון צענטראלן קאָמיטעט און פון די אָרטיקע קאָמיטעטן פון אונזער פארטיי פאר דער זעלבער באַ־ ריכט־צייט.

וואָס איז שייך די אויפרופן פון צ. ק., געפינט זיך א פולער קאָמפּלעט פון זיי אין בונדישן ארכיוו. לײדער דאָס זעלבע לאָזט זיך נישט זאָגן וועגן די אויפרופן פון אונזערע אָרטיקע אָרגאַני־ זאַציעס. אונזער ארכיוו איז צענויפגעקליבן קוים אפשר א העלפט פון די בלעטלעך און פּראָקלאמאציעס, וואָס אונזערע אָרטיקע אר־ גאניזאציעס האָבן ארויסגעגעבן.

פאר דער גאנצער באריכט-צייט (סעפּטעמבער 1904 — פעברואר 1907) האָבן ארויסגעגעבן אויפרופן:

| | נעמען | צאָל עקז. |
|---|---|---|
| דער צענטראל קאָמיטעט | 59 | 2.921.000 |
| די אָרטיקע אָרגאניזאציעס | 1.063 | 2.364.000 |
| סך־הכל | 1.122 | 5.285.000 |

די אויפרופן, סיי פון צ. ק. סיי פון די אָרטיקע קאָמיטעטן פון אונזער פארטיי, האָבן זיך מייסטנס געדרוקט אויף דריי שפּראַכן: יידיש, רוסיש און פּויליש — דערפון גוטע דריי פערטל אויף יידיש.

פון אָנהויב צווייטן פעריאָד פון אונזער באַריכט־צייט, ד. ה. פון סוף 1905, בייט זיך דאָס בילד זייער שאַרף. די אומלעגאַלע דרוקערייען אין רוסלאַנד הערן ביסלעכווייז אויף צו פונקציאָנירן. די פאַרלעגערישע טעטיקייט שטעלט זיך אין אויסלאַנד כמעט איינגאַנצן אָפּ — זי ווערט אַריבערגעטראָגן קיין רוסלאַנד. פון אָנהויב 1906 גיט דער צ. ק. אַרויס אַ טעגלעכע צייטונג אויף יידיש („דער וועקער“, שפּעטער „די פאָלקס־צייטונג“ אין ווילנע); פון אָנהויב פון זעלבן יאָר איז אויך אַרויס, מיט אייניקע הפסקות — צוליב אדמיניסטראַטיווע פאַרפאָלגונגען — 22 נומערן פון אַ רוסישן וואָכנבלאַט; און די געגרינדעטע אַרום יענער צייט יידישער און רוסישער ביכער־פאַרלאַג האָבן אַרויסגעגעבן 90 נעמען יידישע בראָשורן און 15 רוסישע. חוץ אָריגינעלע ווערק זענען צווישן זיי פאַראַן איבערזעצונגען פון די בעסטע ווערק פון די מערב־אייראָפּעישע טעאָרעטיקער פון סאָציאַליזם און סאָציאַל־דעמאָקראַטיע, מאַרקס, ענגעלס, לאַסאַל, ליבקנעכט, קאַאוטסקי, לאַפאַרג א. א. וו.

די ציפערן, וועלכע מיר ברענגען ווייטער וועגן די געלט־הכנסות פון צ. ק. און פון אויסל. קאָמיטעט פון אונזער פּאַרטיי, זענען גענומען פון די געלט־באַריכטן פון צ. ק. און אויסל. קאָמ., וואָס זיי האָבן צוגעשטעלט צום 6 און 7 צוזאַמענפאָר פון „בונד“; און וואָס איז שייך די הכנסה־ציפערן פון די אָרטיקע אָרגאַניזאַציעס, זענען זיי גענומען פון די געלט־באַריכטן, וואָס האָבן זיך געדרוקט אין אונזערע פּאַרטיי־אָרגאַנען אָדער וואָס זענען צוגעשיקט געוואָרן דעם אויסל. קאָמיטעט. ווייט נישט אַלע אָרגאַניזאַציעס האָבן צוגעשטעלט באַריכטן, און די צוגעשטעלטע כאַפּן ווייט נישט אַרום די גאַנצע באַריכט־צייט (סעפּטעמבער 1904—פעברואַר 1907). און נאָך איין וויכטיקע באַוואָרעניש: די גרעסערע העלפט געלט־הכנסות פון צ. ק. אין דער צווייטער העלפט פון דער באַריכט־צייט באַשטייט פון סומעס וועלכע ער האָט באַקומען פונם אויסלענדישן קאָמיטעט.

די געלט־הכנסות פון צ. ק., פון אויסל. קאָמ. און פון די אָר־טיקע קאָמיטעטן פון אונזער פּאַרטיי פאַר אַט דער באריכט־צייט שטעלן זיך פאַר אין קיילעכדיקע ציפערן אַזוי (אין שווייצאַרישע פראַנקען):

| | פון סעפּט. 1904 ביז אָקט. 1905 | פון אָקט. 1905 ביז סעפּט. 1906 | פאַר דער גאַנצער באַריכט־צייט |
|---|---|---|---|
| צ. ק. | (*106.000 | (**304.000 | 410.000 |
| אויסל. קאָמיטעט | 190.000 | 420.000 | 610.000 |
| אָרטיקע אָרגאַניזאַציעס | — | — | 290.000 |
| סך־הכל | 296.000 | 724.000 | (***1.310.000 |

*) אין דעם אַרום 12 טויז. פראַנק פון אויסל. קאָמיטעט.

**) אין דעם אַרום 200 טויז. פראַנק פון אויסל. קאָמיטעט.

***) הייסט דאָס, אַז די סומע דאַרף מען פאַרקלענערן אויף 212 טויז (1.310.000 — 212.000 = 1.098.000). ווייל זיי פיגורירן שוין אין דער הכנסה פון אויסלענדישן קאָמיטעט.